# רעליגיעז-עטישער סאציאליזם

מאיר הערצבערג

מיט א פארווארט פון רעו. פנחס וואסערמאן, פארזיצער פונעם וועלט-צענטער פון דער "דת ועבודה" באוועגונג.

ווארשע, תרצ"ו / 1936

פארלאג: "מרכז עולמי לתנועת דת ועבודה".

## וועגן דער אויסגאבע

דער טעקסט איז איבערגעארבעט אויף היינטיגע היימישע אידיש. דער אינהאלט, דער מחבר'ס געדאנקען-גאנג און זיין סטיל זענען פרעזערווירט געווארן. ציטאטן אין לשון הקודש און אנדערע שפראכן זענען פרעזערווירט געווארן אין זייער שפראך.

אינעם סקאן פעלן בלעטער VI-VII פונעם פארווארט. די צוויי פאראנענע בלעטער, V און VIII, ווערן געברענגט מיט א באמערקונג ביים איבערייס. דער הויפט-טעקסט, בלעטער 1-104, איז פאראן. ביי עטליכע אומקלארע מקור-ווערטער איז צוגעגעבן א קורצע באמערקונג אנשטאט צו ראטן.

## א ווארט פון הרב הגאון אברהם יצחק הכהן קוק זצ"ל

"וכן כל אותם תקוני התרבות של העולם היוצא מחורבנו, סדרי חיים חברתיים וכלכליים עם תקוני כל חטא ועון מחמורים שבחמורים עד דקדוקי סופרים ומדות חסידות היותר מופלגות, כלם עושים חטיבה אחת ואינם מנותקים זה מזה וכלהו לחד אתר סליקין".

("אורות התשובה", פרק "התשובה הפרטית היחידית והמחשבה הכללית הצבורית העולמית בעולם ובכנסת ישראל".)

א מצבה צום פארשטארבענעם טאטן מיינעם, דעם רעליגיעזן עטישן ארץ-אשכנז'ניק, שמואל יצחק ז"ל: א מצבה, נישט אויפן הפקר'דיגן בית-עולם ערד, נאר א מצבה, א ציגל פאר תיקון העולם.

געשטארבן כ' סיון תרפ"א.

* * *

געווידמעט אלע סאציאל-ליידנדיגע מענטשן בכלל, דעם געפלאגטן אידישן פאלק בפרט, די צענדליג מיליאניקע מחנה ארבעטס-זוכער, אלע די וואס לעבן אין פיין, דחקות און נויט.

דער מחבר.

# אנשטאט א פארווארט

דער רעליגיעז-עטישער סאציאליזם איז נישט קיין אויסגעקליגלטע, ראציאנאליסטישע אידעאלאגיע, א דאקטרין. ער אנטהאלט גייסטיקייט און נשמה'דיגע חלומות, נישט געבויט אויף אויסרעכענונגען און קאלקולאציעס, נאר גראד אומגעקערט: אן אידעאלאגיע פול מיט רגש, מיט מענטשליכער ווארימקייט און פילפארביקייט. זי פליסט ארויס פון דער טיף-טיפעניש פון דער מענטשן-נשמה. דארט וואו די דעמאראליזירטע און פארווילדעטע וועלט האט אויף איר א שלעכטן איינפלוס, און וואו עס פליסט אין זיין אבסאלוטער ריינקייט דער אומענדליך שטארקער נצוץ אלה׳, וואס איז פאראן אינעם מענטש. דער רעליגיעז-עטישער סאציאליזם זעט אינעם רעליגיעזן גייסט דאס ווערטפולסטע און דערהאבנסטע וואס דער מענטש טראגט אין זיך, און דעריבער שטרעבט ער צו פארשטארקן זיין איינפלוס און מאכן פון אים א דעצידירנדיגן פאקטאר אין אונזער לעבן.

דער שכל איז כמעט שטענדיג סוביעקטיוו און עגאצענטריש. בויגזאם און עלאסטיש, איז ער פעהיג זיך ארייננצוהילן אין א טלית שכולו תכלת און אויסצוטייטשן די גרעסטע נבלות און די געמיינסטע מענטשליכע האנדלונגען. דאקעגן אין הארץ איז קאנצענטרירט דאס אביעקטיוו ריין מענטשליכע, אבסאלוט ערליכע. דארט איז דער מקור פונעם מענטשנס געוויסן, וואס ווייסט נישט פון קיין פשרות, נאר וויל גערעכטיגקייט. דארט איז דער קוואל פון די הייס-ברויזנדיגע געפילן וואס געבן דעם מענטש דעם אייגנטליכן תמצית פון אונזער לעבן: ליבע צו ג-ט, צו מענטשן, צום גאנצן וועלט-אל.

מיר נעגירן נישט דעם שכל, וואס איז איינער פון אונזערע חושים, אבער מיר טארן נישט אים לאזן אליין הערשן. ווייל דאן, צוליב זיין עגאצענטריזם, פארשטארקן מיר און פארטיפן די עקזיסטירנדיגע אונטערשיידן פון אינטערעסן און צילן, וועלכע

[אינעם סקאן פעלן דא בלעטער VI-VII פונעם פארווארט. דער ווייטערדיגער טעקסט הייבט זיך אן אויף בלאט VIII.]

ווארפנדיג די מארקסיסטישע טעאריע, טוט ער גלייכצייטיג פונדאסנייע באגרינדן, לויט די לעצטע וויסנשאפטליכע רעזולטאטן, דעם מאנאטעאיזם.

מען קען דרייסט זאגן, אז פון רבי שמשון רפאל הירש איז נאך ביז היינט נישט ארויס אזא ספר וואס זאל באגרינדן אידישקייט לויט תורה ומסורה אויף אזא אופן ווי אט דאס בוך. דעמאלט האט מען, צוליב דער עמאנציפאציע, דורכגעפירט א רעפארם אין דער תורה; היינט, צוליב דעם קאמף פאר סאציאלער גערעכטיגקייט, וויל מען די תורה גענצליך פארזייטיגן פונעם אידישן לעבן. דאס פארבינדן די תורה מיטן טאג-טעגליכן קאמף פאר סאציאלער גערעכטיגקייט, פארן רעליגיעז-עטישן סאציאליזם, איז א ניי

בלעטל אין דער געשיכטע פונעם אידישן רעליגיעזן לעבן. דאס איז אין אן אנדער נואנס, אבער אזוי ווירקונגספולער ווי די גייסטיגע קאמפן ביי אידן.

אבער נאך גרעסער איז דער קידוש השם, ווען דער מחבר אנאליזירט די תורה-אויפפאסונג פון דער היינטיגער ארטאדאקסיע; דאס טאג-טעגליכע לעבן איז היינט ווייט פון דער עטישער תורה-אויפפאסונג, און די מאדערנע ארטאדאקסיע שטעלט זיך נאר אוועק צו באווייזן, מכלומרשט פון דער תורה, אז די היינטיגע ארדענונג איז אין הסכם מיט יהדות.

ווען הערצבערג גרעניצט זיך אפ פונעם היינטיגן ארט, מיינט ער נישט צו פרעדיגן א רעפארם אינערהאלב דעם רעליגיעזן אידנטום. ער ווייזט נאר אויף די פאלשע אויפפאסונג פון איר וועגן בחירה חפשית, און אז דער מענטש קען גארנישט אויפטון קעגן דער היינטיגער ארדענונג. עס ווערט אויך באוויזן, אז דוקא אין א סאציאליסטישער ארדענונג איז מעגליך אויסצולעבן לויט דער תורה.

די טיפע ערנסטקייט מיט וועלכער דאס דאזיגע בוך איז געשריבן וועט בלי שום ספק ווירקן צו הייבן דעם גייסטיגן ניווא און צו פארשטארקן דעם פאראידלונגס-פראצעס וואס אונזער באוועגונג פירט דורך אין אידנטום. די דאזיגע ארבעט זאל פארשפרייט ווערן צווישן דער אידישער יוגנט, זאל זי אויפוועקן זייערע יונגע הערצער צו מעשים, און זי אריינברענגען אין דעם פערמאנענטן שטראם פון אפוועלטיקן אן אלעס-ארומנעמענדיגן רענעסאנס פונעם אידישן פאלק און פון דער גאנצער מענטשהייט.

פנחס וואסערמאן

# אריינפיר

נאך היינט צו טאג, ווען מיר קומען אין דער אידישער געזעלשאפט מיטן ווארט רעליגיעז-עטישער סאציאליזם, טרעפן מיר נאך א פנים פול מיט פארוואונדערונג: היתכן? ווי פאסט זיך רעליגיע מיט סאציאליזם? פיל פון די פרעגער קענען זיך אפילו נישט אפגעבן קיין דין וחשבון; זיי קענען אויך נישט קלאר ארגומענטירן פארוואס עס איז נישט מעגליך. ס'איז שוין ביי זיי געווארן אזא אקסיאם, א זעלבסטפארשטענדליכקייט, אז רעליגיע מיט סאציאליזם זענען צוויי קעגנזאצן, אז א רעליגיעזער איד מוז זיין א רעאקציאנער און א סאציאליסט מוז זיין אן אטעאיסט, נישט קיין גלויביגער.

אט דעם פאלשן אקסיאם, די מערסט "מלומדישע" זעלבסטפארשטענדליכקייט, האלטן אויף און פלעגן צוויי ריכטונגען, צוויי עקסטרעמען: פון איין זייט די אפיציעלע ארטאדאקסיע און פון דער צווייטער זייט דער מארקסיזם.

די מאדערנע ארטאדאקסיע, כדי איינצוהאלטן איר השפעה איבער די סאציאל ליידנדיגע מאסן, צוליב אירע עקאנאמישע אינטערעסן, דערלויבט זיך צו פאלשן די רעליגיעזע יסודות און מיט א "מלומדישן" באווייז צייגן, אז די רעליגיע איז קעגן א סאציאליסטישער ארדענונג, אז א רעליגיעזער ייד טאר נישט זיין קיין סאציאליסט, טאר נישט שטרעבן איבערצובויען און איבערצואנדערשן די געזעלשאפט פון א קאפיטאליסטישער צו א סאציאליסטישער.

אבער אפילו די ערליך דענקנדיגע צווישן די באקעמפער פונעם סאציאליזם ווילן זיך נישט אריינטיפן און מאכן נישט קיין אונטערשייד צווישן סאציאליזם און מארקסיזם. מיינענדיג אז א סאציאליסט זיין הייסט באקעמפן רעליגיע, פאלן זיי אט צוליב זייער נישט-באוואוסטזיניגקייט ארונטער אונטער דער השפעה פון די קעגנער פון סאציאליזם.

פון דער צווייטער זייט טוט אויך דער מארקסיזם, וועלכער האט צוזאמענגעבונדן דעם סאציאליזם מיט א מאטעריאליסטישער וועלט-אנשויונג, מיטן דיאלעקטישן מאטעריאליזם, אונטערהאלטן דעם פאלשן אקסיאם, אז רעליגיע מיט סאציאליזם זענען צוויי קעגנזאצן.

און ווייל דער קלער האט געלייגט זיין חותם אויף דער רעליגיע, און פון דער צווייטער זייט האט דער מארקסיזם באהערשט די סאציאליסטישע באוועגונג, האט זיך דערפאר ביי א גרויסן טייל איינגעבילדעט דער טעות, אז רעליגיע מיט סאציאליזם זענען צוויי הפכים. נישט אלע זענען געוואוינט זיך צו פארטיפן און באזונדער צו באטראכטן; מען משפ'ט לויט דער פארם.

די רעאַקציאָנער-רעליגיעזע פאַלשער, וועלכע פאַרשוועכן די אמת'ע רעליגיע דורכן אויסנוצן זי פאַר זייערע אייגענע פעטישיסטישע פּריוואַטע צוועקן, זענען טאַקע קעגן סאָציאַליזם. אָבער די רעליגיע אין איר אמת'ער אויפפאַסונג איז דווקא מחייב דעם סאָציאַליזם.

דער מאַרקסיזם, אַלס די דיאַלעקטיש-מאַטעריאַליסטישע וועלט-אַנשויונג, איז טאַקע קעגן רעליגיע. ער וויל אָנערקענען דעם מאַטעריאַליסטיש-מאָניסטישן פּרינציפּ, וועלכער דריקט זיך אויס לויט פייערבאַכ'ס כלל: "נישט דער זיין איז פון דענקען, נאָר דאָס דענקען איז אַ רעזולטאַט פון זיין". דער כלל האָט געהאַט אַ דירעקטע השפּעה אויפן מאַרקסיזם, וואָס האָט דעריבער קאָנסעקווענט געמוזט אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון אַ גייסטיגן סובסטאַנץ, פון אַן איבערמאַטעריעלן עקזיסטירנדיגן פאַקטאָר. און דערפאַר, אָנשטאָט צו זאָגן אַז מאַרקסיזם איז קעגן רעליגיע, זאָגן אַ סך אין טעות אַז סאָציאַליזם איז קעגן רעליגיע, באַצייכנענדיג זיך מיט די ווערטער מאַרקסיזם און סאָציאַליזם אַלס סינאָנימען.

דער סאָציאַליזם, אַלס מענטשהייטס-באַפרייאונג, אַלס די יושר'דיגע רעגולירונג פונעם מענטשליכן לעבן, איז אַ פּועל-יוצא פון די רעליגיעזע געבאָטן. וואָס איז דען רעליגיע, אויב נישט די שטענדיגע שטרעבונג צו גייסטיג-עטישער דערהויבונג, צו שלימות, וועלכע מוז געפירט ווערן אינערהאַלב דעם מענטשליכן לעבן, ווייל די אמת'ע רעליגיע איז צוזאַמענגעפלאָכטן מיטן לעבן?

און דערפאַר איז קלאָר, אַז בלויז קלעריקאַליזם איז קעגן סאָציאַליזם. אָבער רעליגיע איז נאָר קעגן מאַרקסיזם, אַלס די מאַטעריאַליסטישע וועלט-אַנשויונג, אָבער קיינמאָל נישט קעגן סאָציאַליזם. אדרבא! היינט צו טאָג קען מען נישט זיין רעליגיעז לויט אירע אמת'ע עטישע טענדענצן, אויב מען שטרעבט נישט צו אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג.

פונקט אַזוי פון דער צווייטער זייט: בלויז דער מאַרקסיזם איז קעגן רעליגיע. אָבער דער סאָציאַליזם קען און מוז זיין צוזאַמענגעבונדן מיט די עטישע טענדענצן פון רעליגיע.

דער רעליגיעז-עטישער סאָציאַליזם מוז זיך דערפאַר שטעלן אין קאַמף קעגן די צוויי ריכטונגען: קעגן די קאַפּיטאַליסטיש-רעאַקציאָנערישע רעליגיעזע פאַרשטייער פון איין זייט, און מאַרקסיזם פון דער צווייטער זייט. קעגן אָט די ביידע ריכטונגען, פון וועמענס צוזאַמענטרעף עס איז געבוירן געוואָרן "די זעלבסטפאַרשטענדליכע דילעמע". קעגן די ביידע שטראָמונגען, פון וועלכע עס דערנערט זיך נאָך היינט דער פאַלשער אַקסיאָם.

שטעלנדיג זיך אין קאַמף מיט דער אָפיציעלער אָרטאָדאָקסיע, מוז ער קודם כל באַווייזן, אַז די רעאַקציאָנערישע אָרטאָדאָקסיע לעגאַליזירט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג אין איר היינטיגן נישט יושר'דיגן גזלשאַפטליכן און סאָציאַלן צושטאַנד, און אַז די אָרדענונג פון קנעכטשאַפט, אונטערדריקונג, עקספּלאָאַטאַציע, מאָדערנע שקלאַפעריי און לעגאַליזירטע מאָרדן איז אַ סתירה צו די אייביגע עטישע טענדענצן פון רעליגיע, וועלכע מוזן קומען צום אויסדרוק דורך דער מענטשליכער טעטיגקייט, און היינט צו

טאג דורך דער פאַרווירקליכונג פון סאָציאַליזם, דורך אַ יושר'דיגן אויסלעבן זיך אין אַ קלאַסן-לאָזער געזעלשאַפט.

דער רעליגיעז-עטישער סאָציאַליזם מוז אָבער אונטערשטרייכן, אַז סאָציאַליזם טאָר נישט ווערן אידענטיפיצירט מיט די אייביגע טענדענצן פון יהדות. דאָס הייסט, סאָציאַליזם איז נישט איינס מיט די נצחיות'דיגע רעליגיעז-עטישע טענדענצן, פונקט אַזוי ווי עס איז פאַלש די אידענטיפיצירונג, וואָס ווערט געמאַכט דורך דער מאָדערנער אָרטאָדאָקסיע בנוגע דעם קאַפּיטאַליזם, אַז קאַפּיטאַליזם איז אידענטיש מיט די תורה-טענדענצן. סאָציאַליזם איז נאָר היינט צו טאָג די געזעלשאַפטליכע פאָרם, די באַדינגונגען פאַר די עטישע טענדענצן פון רעליגיע. סאָציאַליזם איז אַן אַנטשטאַנענע נייע אידעע, וועלכע האָט אירע גרענעצן. רעליגיע אָבער איז די אידעע פון היה, הווה ויהיה, די אידעע פון אייביגקייט ביז אין-סוף, ביז אומענדליכקייט.

דער רעליגיעז-עטישער סאָציאַליזם, שטעלנדיג זיך אין קאַמף קעגן קלעריקאַליזם, וועט נישט פירן דעם קאַמף בלויז נעגאַטיוו, נאָר בעיקר פּאָזיטיוו: דורך דער דערהויבונג פון רעליגיע, דורך פאַרטיפן און פאַרשענערן דאָס מענטשליכע לעבן.

שטעלנדיג זיך אין קאַמף מיטן מאַרקסיזם, מוז ער באַווייזן, אַז סאָציאַליזם, די שטרעבונג איבערצובויען די געזעלשאַפט אויף אַ סאָציאַל-יושר'דיגן אופן, מוז מען נישט דווקא פאַרבינדן מיט דער דיאַלעקטיש-מאַטעריאַליסטישער וועלט-אַנשויונג, מיט אַ פאַנאַטישן אַטעאיזם. ווייל זייענדיג אַ סאָציאַליסט, מוז מען נישט אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון אַ גייסטיגן סובסטאַנץ און די עקזיסטענץ פון אַן איבערמאַטעריעלן כח אין דער וועלט.

שאָפּענהויער האָט געזאָגט וועגן דעקאַרט, אַז ער איז געווען דער לעצטער דענקער וועלכער האָט געוויזן אַ וועג פאַרן דאָגמאַטישן דענקער, אַז אין דענקען מוז מען זיך נישט דווקא באַגנוגענען מיט אַריסטאָטעלעס'ס שכל, נאָר מען קען אויך דענקען מיטן אייגענעם שכל. די זעלבע ראָל פּאַלט אויס דעם רעליגיעז-עטישן סאָציאַליזם בנוגע דעם מאַרקסיזם, אינערהאַלב דעם רעליגיעזן אידנטום. ער קומט באַווייזן, אַז צו דענקען סאָציאַליסטיש מוז מען נישט דענקען מיט מאַרקס'ס שכל, מען קען אויך דענקען מיטן אייגענעם שכל. און פונקט ווי ביי דעקאַרט: ער האָט אָפּגעוואָרפן די מיינונגען פון די פריערדיגע פילאָזאָפן און אָנגעהויבן פונעם אינעווייניגסטן "איך": "אַז איך דענק, במילא עקזיסטיר איך", "Cogito ergo sum".

פונקט אַזוי שטרעבן מיר, רעליגיעז-עטישע סאָציאַליסטן, צום סאָציאַליזם, געשטויסן דורכן אינעווייניגסטן "איך" פונעם מענטש אַלס דער חלק אלוק ממעל, געשטויסן פון אַן אינעווייניגסטן געבאָט פול מיט רעליגיעז-נביאישן פּאַטאָס, דורך די רעליגיעז-מאָראַלישע אימפּעראַטיוון, וועלכע טראָגן זיך אַריבער צו אונז פון די הויכקייטן פון אַן איבערמאַטעריעלער וועלט אין די טיפענישן פונעם אינעווייניגסטן "איך". לויט דעם

קאנטישן דעווייז: "כ'וויל אזוי, ווייל כ'ברויך אזוי האנדלען", ווי עס קומט צום אויסדרוק די מענטשליכע חשיבות, די פערזענליכע פרייהייט, דער יציר הבחירה.

דער קאמף פארן סאציאליזם איז א קאמף פאר גערעכטיגקייט, א קאמף קעגן דאס חיה'שע פון קאפיטאליזם, קעגן דעם וואס איז א פארלייקענונג און א צעשטערונג פון מענטשליכקייט. ווי זשאן זשארעס זאגט: "עס איז א חוב פון יושר פאר יעדן מענטש צו זיין א סאציאליסט".

---

אין דער פאלגנדיגער ארבעט בין איך אויסן אנצווייזן די יסודות פון דער רעליגיעז-עטיש-סאציאליסטישער וועלט-אנשויונג. הגם די אויספירן וואס איך מאך דא שעפן נאך נישט אויס אלע פראגן וואס דארפן באהאנדלט ווערן, וויל איך אבער מיט דער התחלה אנרעגן גרעסערע יחידים פאר דער גרויסער אויפגאבע, וואס שטייט פאר אינערהאלב דעם רעליגיעזן אידנטום, און די גרויסע רעליגיעזע מאסן צום אקטיוון קאמף פאר דעם גרויסן קידוש השם.

# יסודות פון רעליגיעז-עטישן סאציאליזם

## I

ווען מיר נעמען זיך צו באהאנדלען די יסודות פון רעליגיעז-עטישן סאציאליזם, זענען מיר אויסן צו דערקלערן די שייכות צווישן גאט, מענטש און וועלט לויט דער אנשויונג פון יהדות, און אויך אז די וועלט מוז לויט אירע אויספירן איבערגעבויט ווערן.

אויך דער מארקסיזם האט געמוזט קודם כל דערקלערט און געבויט ווערן אויף זיינע פילאזאפישע יסודות. ווייל ס'איז א טעות צו מיינען, אז מארקסיזם איז בלויז א ווירטשאפטליכע לערע וועגן עקאנאמיע, דאס הייסט, אז דער מארקסיזם איז בלויז אן עקאנאמישער מאטעריאליזם. ניין, מארקסיזם איז קודם כל א דיאלעקטישער מאטעריאליזם, אן אלץ-ארומנעמענדע וועלט-אנשויונג, וועלכע שטיצט זיך אויף די פילאזאפישע יסודות פון מאטעריאליסטישן מאניזם, צוזאמענגעשפאנט מיט דער העגעלישער דיאלעקטיק, פון וועלכער דער עקאנאמישער און היסטארישער מאטעריאליזם איז ערשט א פועל-יוצא.

אבער וועגן דעם וועלן מיר נאך רעדן באריכות. דא האבן מיר נאר געוואלט באמערקן, אז דער מארקסיזם איז באזירט אויף באזונדערע פילאזאפישע יסודות.

אבער מארקס האט טראץ דעם געזאגט, אז נישט בלויז מיר ווילן, ווי אלע אנדערע פריערדיגע פילאזאפן, די וועלט בלויז דערקלערן, נאר אויך און קודם כל זי איבערבויען.

און אויך דאס זעלבע ווילן מיר דא באמערקן אין אנהייב: אז נישט בלויז דערקלערן די וועלט קומען מיר לויט די רעליגיעז-עטישע יסודות. דאס האבן שוין פריער אנדערע געטון. נאר דער עיקר איז אונזער אויפגאבע זי איבערצובויען.

די יסודות פון רעליגיעז-עטישן סאציאליזם זענען צוזאמענגעבונדן מיטן לעבן. זיי זענען ווייט פון אסקעטיזם, ווי מיר זעען עס ביים בודהאיזם מיט זיין "נירוואנא", ווי די גאנצע פארפולקאמונג קען נאר דערגרייכט ווערן דורכן אויסלעשן פונעם מאטעריעלן, פונעם גוף.

און אפילו ביים קריסטנטום ווערט געזאגט: "אנטלויף פון דער וועלט, כדי זאלסטו זיך ראטעווען יענער וועלט".

די אידישע רעליגיע לייגט איר געוויכט נאר אויפן נאטירליכן לעבן. איר דעוויז איז: "וחי בהם ולא שימות בהם". מענטש, לעב! מיט דיין לעבן, דורכן פארעטישן פון אלעם וואס דאס לעבן טראגט מיט זיך, זאלסטו דערגרייכן דיין פארפולקאמונג און דערגיין צום "והיה באחרית הימים".

די אידישע רעליגיע מיט איר הויפט-יסוד, מאנאטעאיזם (אחדות הבורא), מיט די מצוות מעשיות און שכליות, מצוות בין אדם למקום און בין אדם לחברו, ווי אויך מיטן יסוד פונעם פרייען ווילן (בחירה חפשית), דעם אייגנטליכן אינסטרומענט פונעם גייסט, אלס די יסודות פון רעליגיעז-עטישן סאציאליזם, פארפליכטעט אונז: נישט בלויז דורך אינעווייניגסטער פארטיפונג צו דערקענען דעם אבסאלוטן אמת, דעם אין-סוף. ס'גענוגט נישט בלויז אינעווייניגסטע תשוקה צו שאפן זיך אבסטראקטע מדרגות, אויף וועלכע דער מענטש זאל קענען עולה זיין, זיך דערהייבן, כדי צו דערגרייכן דעם אין-סופ'דיגן ציל. דער מענטש מוז דווקא זען צו מאכן זיין ווילן קאנקרעט, צו פארווירקליכן אין לעבן די אינעווייניגסטע באגערן. ווייל נאר דורך שאפן אין דער ווירקליכקייט קען ער זיך מדמה זיין ליוצרו און אזוי ארום פארווירקליכן זיין אויפגאבע פון ווערן א שותף למעשה בראשית.

ווי רבי יהודה הלוי ברענגט (כוזרי, מאמר א'): "ואי אפשר לדעת שיתקיימו אם לא שיהיה להם מעשים בפועל".

עס איז דא א ווארט אויפן מאמר חז"ל: "המפסיק בין תפילין של יד לתפילין של ראש לא יצא ידי חובתו". דער טעם דערפון איז: ווייל תפילין של ראש סימבאליזירט די מצוות שכליות, די אינעווייניגסטע טעארעטישע באגערן צו דער גאטס-דערקענטעניש, און תפילין של יד סימבאליזירט מיט זיך די מצוות מעשיות, די פראקטישע פארווירקליכונג אין לעבן, דאס קאנקרעט מאכן דעם מענטשליכן בעסערן ווילן. און אט דאס מיינען די חז"ל מיט דעם אויבנדערמאנטן מאמר: אז איינער מאכט א הפסקה, גרעניצט אפ צווישן דער טעאריע און פראקטיק, איז ער נישט יוצא געווען זיין פליכט, האט ער זיין אויפגאבע נישט דערפילט. ווייל נאר דורכדעם וואס דער מענטש שאפט קאנקרעט אין לעבן, שאפט ער זיך דעם לייטער, דעם "סולם מוצב ארצה", וועלכער העלפט אים דערגרייכן די הייך, זיך דערהייבן.

ס'איז דא א געוואלדיגע קעגנזייטיגע ווירקונג צווישן מענטש און מענטשליכער טעטיגקייט, פונקט אזוי ווי א. בערגסאן זאגט אינעם ערשטן קאפיטל פון "שאפערישע עוואלוציע", ברענגענדיג דעם ביישפיל פון א קינסטלער, א מאלער: "אן אריגינעל אויסגעדרוקטער פארטרעט קען פארשטאנען ווערן דורך דער פיזיאנאמיע פונעם מאדעל, דורך דער נאטור פונעם ארטיסט, דורך די פארבן צעגאסן אויף דער פאלעטע (פארבן-ברעט). אבער דער אנבליק אפילו פון דאס אלעס, וואס איז נויטיג צו פארשטיין דאס קונסט-בילד, איז נישט דער אנבליק פון דער זאך, דעם פארטרעט אליין. קיינער, אפילו דער קינסטלער, וואלט נישט געקענט געזעהן פריער דאס וואס דאס בילד וועט מיט זיך פארשטעלן. ווייל פארויסזען וואלט געהייסן אים אויסארבעטן נאך איידער ער איז געווארן אויסגעארבעט - א נישט-זאכליכע היפאטעזע, וועלכע פארלייקנט זיך אליין.

אזוי איז אויך מיט די מאמענטן פון אונזער לעבן, וואס מיר ארבעטן אויס. יעדער מאמענט איז אן ארט פראדוקציע פון א שעפער, און ענליך ווי דער טאלאנט פונעם מאלער בילדעט זיך אויס אדער בילדעט זיך אום. יעדנפאלס ענדערט ער זיך אונטער

דער השפעה פונעם זעלבן ווערק וואס ער האט אויסגעארבעט. אזוי אויך יעדער פון אונזערע צושטאנדן, אנטפלעקנדיג זיך פון אונז, ענדערט גלייכצייטיג אונזער פערזאן. ווייל דאס איז א נייע געשטאלט, וועלכע מיר האבן זיך אליין אין דעם מאמענט צוגעפאסט. דעריבער איז ריכטיג וואס מען זאגט: דאס וואס מיר טוען איז אפהענגיג פון דעם וואס מיר זענען, און אז שטענדיג שאפן מיר זיך אליין".

און בערגסאן רעזומירט: "פאר דעם באוואוסטזיניגן וועזן הייסט עקזיסטירן זיך ענדערן - זיך ענדערן הייסט פארפולקאמען, פארפולקאמען הייסט שאפן אומאויפהערליך זיך אליין".

און דערפאר קען די מענטשליכע פארפולקאמונג נאר דערגרייכט ווערן דורכן מענטשליכן שאפן, און לויט דער פארם פונעם מענטשליכן שאפן. פונקט אזוי ווי ביים קינסטלער, אזוי אויך ביי יעדער מענטשליכער טעטיגקייט, ווירקט דאס וואס דער מענטש האט געשאפן אויפן מענטש אליין. שלעכטע מעשים דעפארמירן דעם מענטש. גוטע מעשים פארמירן דעם מענטש און העלפן אים אין זיין פארפולקאמונג. ווייל "לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה", דער עיקר זענען די מעשים טובים.

די אידישע רעליגיע, וועלכע איז דער יסוד פון רעליגיעז-עטישן סאציאליזם, איז שוין אין איר קערן צוזאמענגעבונדן מיטן מענטשליכן שעפערישן לעבן, וועלכע שטרעבט שטענדיג, מיט דער מענטשליכער אנטוויקלונג און פראגרעס, די וועלט איבערצובויען: "לתקן עולם במלכות שדי".

און יעצט צום עיקר: וואס זענען דאס די יסודות פון רעליגיעז-עטישן סאציאליזם? דא זאגן מיר: צום רעליגיעז-עטישן סאציאליזם קומען מיר דורך רעליגיע, וואס איר יסוד איז דער מאנאטעאיזם (אחדות הבורא).

און דערפאר, ווען מיר רעדן וועגן די יסודות פון רעליגיעז-עטישן סאציאליזם, מוזן מיר קודם כל דעפינירן, וואס די אידישע רעליגיע איז. די אידישע רעליגיע איז אן אלץ-ארומנעמענדע וועלט-אנשויונג, וואס איר גרונט-יסוד איז דער מאנאטעאיזם, וועלכער דריקט זיך אויס אין זוכן און בענקען צו דערקענען גאט, צו דערקענען דעם קדמון, די אור-סיבה פונעם גאנצן וועלט-אוניווערס. דעם וועג דערצו זעען מיר דורך אמונה, דורך גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון אן איבערמאטעריעלן כח.

מען מוז אויך באלד ביים אנהייב אונטערשטרייכן, אז ס'איז א טעות צו זאגן, אז רעליגיע און גלויבן זענען איינס. אמונה איז בלויז א וועג צום גרונט-יסוד פון רעליגיע, צו דער גאטס-דערקענטעניש.

פארשטייט זיך, דער וועג איז נישט פאר יעדן איינעם דער זעלבער. ער איז אפהענגיג לויט די השגות, לויט די דערקענטעניש-מעגליכקייטן פון יעדן מענטש. ס'איז דא א וועג פון אמונה פשוטה און אמונה על פי חקירה. דער ערשטער וועג איז פאר די מענטשן, וועלכע קענען זיך נישט פארטיפן. דער עיקר-ציל איז אבער דער צווייטער וועג, ווי דער

רמ"א זאגט אין זיין ספר תורת העולה, חלק ג', פרק ז': "עדיף טפי לחקור על הדברים ולידע אותן במופתים ובמושכלות ע"י חקירה וזהו תכלית האדם" (ס'איז פיל בעסער נאכצופארשן איבער זאכן און געגנשטאנדן דורך עקספערימענטאל-לאגישער דערקענטעניש און דורך פילאזאפישער פארשונג, ווייל דאס איז דער ציל פונעם מענטש).

פונקט אזוי דערקלערט דער רמב"ם די קרבנות, וועלכע אידן האבן אמאל מקריב געווען, אלס אן עוואלוציאנערער וועג, וועלכער האט געפירט דאס אידנטום צום מאנאטעאיזם, צום יסוד פון רעליגיע, וועלכער דריקט זיך אויס אין דער שטרעבונג צו דערקענען גאט. און אט די שטרעבונג איז דער ציל פונעם מענטשליכן לעבן, אפילו די מענטשליכע מעגליכקייט איז קליין און באגרעניצט צו צוקומען צו זיין ענדציל. ווייל שוין אין דעם בלויזן ווילן און באגער פון זוכן גאט און בענקען צו אים ליגט די געוואלדיגע אמת'ע לעבנס-פרייד און גענוס.

די שטרעבונג צו דערקענען גאט הייסט צוגלייך די שטרעבונג צו דערקענען דעם גאנצן וועלט-אוניווערס. ווייל גאט איז דער סך-הכל פונעם גאנצן אוניווערס, דאס הייסט, דער מסבב כל הסבות.

ווען די תורה זאגט אונז "ואהבת את ה' אלקיך", מיינט מען נישט די מגושמ'דיגע ליבע, ווי דער מענטש איז פון לאנג געוואוינט זי צו פארשטיין. ניין, אהבת ה' מיינט די גייסטיגע ליבע צו דער גאטס-דערקענטעניש, צו דער פילאזאפישער פארטיפונג.

פונקט אזוי ווי דאס ווארט פילאזאפיע מיינט אין דער ווערטערליכער איבערזעצונג ליבע צו דער וויסנשאפט. דאס מיינט דאך נישט סתם ליבע, נאר די פארטיפונג און פארבינדונג מיט דער וויסנשאפט און איר דערקענטעניש.

די שטרעבונג צו דער גאטס-דערקענטעניש איז פארשידנארטיג אינטערפרעטירט געווארן: ביי קאנט דער וועלט-שכל, אדער ביי העגעל די אבסאלוטע אידעע. דאס מיינט אבער נישט מער ווי אקסיאמאטישע גרונטזאצן און די באשרייבונג פונעם גאטס-באגריף, וועלכער הייסט אבער ריכטיג אין דער רעליגיעז-פילאזאפישער ליטעראטור דער אין-סוף, דאס הייסט אומענדליך, אומאויסדריקליך. ריכטיג ווייזט אן דער רמב"ם, ברענגענדיג דעם פסוק "וראית את אחורי ופני לא יראו", אז דער מענטש, שטרעבנדיג צו דערקענען דאס אבסאלוטע, קען אין זיין שטענדיגער פארפולקאמונג און שטרעבונג צו דערקענען גאט נאר דערגיין בהדרגה וואס עס איז מער דאס נעגאטיווע, דאס וואס גאט איז נישט, דאס רעלאטיוו-אבסאלוטע.[1]

דאס פאזיטיוו-אבסאלוטע קען דער מענטש נישט דערגרייכן אין די ראמען פון זיין לאגישן דענקען. דער מענטש, אלס נישט אבסאלוטער, קען אין זיין לאגישן דענקען נישט דערגיין צום אבסאלוטן.

פונקט אזוי טרעט ארויס קאנט קעגן דעם שכל, וואס פארגעסט זיין אמת'ע באשטימונג, "וואס שפאצירט מיט דערקענטעניש און וויסן, דארט וואו עס הערט אייגנטליך אויף דערקענטעניש און וויסן". לויט קאנט קען דער מענטש נישט דערקענען די אייגנטליכע עקזיסטענץ. ער דערקענט זי נאר אזוי ווי זי שטעלט זיך אים פאר דורך דער פריזמע פון זיינע חושים און שכל. ווי אזוי די עקזיסטענץ זעט אויס אין איר ריינער געשטאלט, ווי עס הייסט ביי קאנט "דינג אן זיך", בלייבט פארן מענטש אומבאקאנט.

דאס פאזיטיוו-אבסאלוטע איז דאס זעלבע וואס אין-סוף, ווייל אין דעם לאגישן דענקען קענען מיר נאר בהדרגה, וואס אמאל ווייטער, זיך פארפולקאמען און צוקומען צום רעלאטיוו-אבסאלוטן. אבער דערקענען דאס אבסאלוטע גופא קענען מיר נישט דורך לאגיק. מיר קענען עס דערגרייכן נאר דורך אינטואיציע.

מיר גלויבן, אז אין אונזער גייסטיגער אנטוויקלונג וועלן מיר צוקומען דערצו, אז מיר וועלן זיך קענען באנוצן מיט אינטואיציע, צו דערפילן די התגלות פונעם פאזיטיוו-אבסאלוטן.

און כדי דאס בעסער צו פארשטיין און איבערצוגעבן, איז כדאי צו ציטירן א. בערגסאן אין זיין "אריינפיר אין דער מעטאפיזיק", "L'introduction a la metaphysique".

דארט זאגט ער: "עס זענען פארהאן צוויי טיף פארשידענע אופנים, ווי אזוי צו דערקענען א געגנשטאנד. איין וועג איז צו דרייען זיך ארום דעם געגנשטאנד; דער צווייטער איז זיך אריינצודרינגען אינעווייניג אין דעם געגנשטאנד. איינער הענגט אפ פונעם שטאנדפונקט וואס מיר נעמען אן, און פון די סימבאלן דורך וועלכע מיר דריקן זיך אויס. דער אנדערער גייט נישט ארויס פון קיין געוויסן פונקט און שטיצט זיך נישט אויף קיין סימבאלן.

דער ערשטער מין דערקענטעניש שטעלט זיך אפ, קען מען זאגן, ביים רעלאטיוון; דער צווייטער, וואו אזא איז מעגליך, דערגרייכט דאס אבסאלוטע".

און אט גיט בערגסאן אריבער צו פארשטיין, פארוואס דורך עקספערימענטאלער אנאליז קען מען נישט דערגרייכן דאס אבסאלוטע, נאר דאס רעלאטיווע. און ער זאגט: "ווען איך זאל אמיצן, וואס פארשטייט נישט קיין גריכיש, איבערגעבן דעם איינפאכן איינדרוק וואס האמער'ס פערזן מאכן אויף מיר, וואלט איך קודם כל איבערגעזעצט די פערזן. נאכמער, וואלט איך געמאכט א פירוש אויף דער איבערזעצונג. צום לעצט וואלט איך דעם פירוש אנטוויקלט אין איין דערקלערונג נאך דער אנדערער. וואלט איך אלץ נענטער געבראכט צו דעם וואס איך האב געוואלט ארויסברענגען, צוגעקומען דערצו וואלט איך אבער קיינמאל נישט".

"א דאנק דעם איז דאס אבסאלוטע בלי ספק אט אידענטיפיצירט געווארן מיטן אומענדליכן (אין-סוף)".

און ווייל מיר זענען איינגעפאסט אין אונזער היינטיגן דענקען אין א נישט אבסאלוטן ראם פון סימבאלישער דערקענטעניש, דערפאר הייסט דאס אבסאלוטע דער אין-סוף.

און אט די אומענדליך-כסדר'דיגע גייסטיגע פארפולקאמונג, וועלכע האט דעם ציל צו דערגרייכן די אבסאלוטע גאטס-דערקענטעניש, הייסט אהבת ה'.

אויך דער טערמין יראת ה', וועלכן מיר טרעפן אין דער רעליגיעזער ליטעראטור, מיינט נישט מגושמ'דיגע מענטשליכע מורא. יראת ה' מיינט "יראת הרוממות".

דאס דערפילט יעדער גרויסער געני, ווען ער דערזעט די גרויסע טיילן פונעם אוניווערס און זייערע פארשידענע פלאנעטן, קעגן וועלכע אונזער ערד-קוגל איז א קליינטשיגע פינטעלע. שוין נישט רעדנדיג קעגן דעם אומענדליכן קאסמאס, קעגן דעם גרויסן אין-סוף.

און דערפאר טאקע טרעפן מיר א געוואלדיגע ליבע און איבערגעגעבנקייט אין דער שטרעבונג פון אלע פילאזאפן צו דער דערקענטעניש, צו דער באנעמונג פונעם קדמון, פונעם גאטס-באגריף.

א פלאם-פייערדיגע אהבת ה' טרעפן מיר ביי די אידישע רעליגיעזע דענקער ווי רבי סעדיה גאון, רבנו בחיי הדיין, רבי יהודה הלוי, דער רמב"ם און אנדערע.

אין דער פולסטער פארם זעט מען ביים תנא רבי עקיבא, ווי די אהבת ה' איז ביי אים געווען אזוי שטארק, אז זיין גאנץ לעבן האט ער געשטרעבט צו קענען באווייזן פאר דער גאנצער מענטשהייט זיינע שטארקע געפילן, זיין איבערגעגעבנקייט צו גאט לויט דער תורה פון "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך". ביז ער האט "זוכה" געווען, אז מען זאל רייסן פון אים שטיקער פון זיין פלייש מיט אייזערנע קעמען, און ער האט אויסגעהויכט זיין ריינע נשמה מיט דעם אויסגעשריי: "ה' אחד".

## II

ווען מיר זאגן, אז מיר זענען באגרעניצט אינעם לאגישן דענקען און דערפאר קענען מיר נישט דערגרייכן דאס פאזיטיוו-אבסאלוטע, הייסט דאס אבער נישט, אז דער אויספיר, די קאנסעקווענצן, מוזן דערפירן צום סקעפטיציזם. מיר טרעטן דאך נישט ארויס קעגן דער וויסנשאפט בכלל, נאר קעגן איר דאגמאטישקייט, וועלכע שאפט אבסאלוטע געזעצן. אדרבא! מיר האלטן, אז וואס מער דער מענטשליכער געדאנק וואקסט, העלפט ער אלץ מער אויפדעקן די פארנעפלונג פונעם האריזאנט און דערפירט די דערוויסונג צום אבסאלוטן, וועלכער רעדט צו אונז דורך פארשידענע נאטור-געשעענישן און ווירקט אויף אונזער באוואוסטזיין דורך דער כסדר'דיגער דינאמיק, דורך דער כסדר'דיגער פארענדערונג פון דער נאטור.

דער בעל חובת הלבבות זאגט אין שער ב', פרק ג', ברענגענדיג דעם פסוק "מבשרי אחזה ה'", אז די וויסנשאפט פון דער אנאטאמיע ברענגט אונז נענטער צו דער גאטס-דערקענטעניש.

ווען מיר זאגן, אז אין אונזער לאגישן דענקען קענען מיר נאר אויפנעמען סימבאליש, מיט געוויסע פארשטעלונגען, קענען מיר נאר בהדרגה ארויפשטייגן צום רעלאטיוו-אבסאלוטן פונעם נישט-אבסאלוטן. און דערפאר נעמען מיר אלע דערגרייכונגען פון דער וויסנשאפט, אלע אויספירן, אלע געזעצן - סיי פון פיזיק, סיי פון עקאנאמיע, סיי פון נאטור-פילאזאפיע בכלל - אלס רעלאטיוו-אבסאלוטע. דאס הייסט אבער אויך נישט, אז מיר דארפן נישט ווייטער פארשן און לערנען, נאר זיך פארלאזן אויף דעם וואס די קדמונים האבן אונז געלערנט. ניין! אזעלכעס הייסט פאנאטיזם. און ווי דער רלב"ג מאכט ריכטיג א באמערקונג אין דער הקדמה צו זיין פילאזאפישן טראקטאט "מלחמות ה'", אז די וועלכע פארלאזן זיך אויף די קדמונים און אליין דערווייטערן זיך פון יעדן מין פארטיפונג און פארשונג, וועלן גארנישט דערגרייכן. ווייל נאר די צייט און פראגרעס העלפן ארויסברענגען דעם אמת, און אן כסדר'דיגער וויסנשאפטליכער פארשונג וואלט בכלל נישט מעגליך געווען די פארטיפונג און חכמה.

ארויסגייענדיג פונעם אויבנדערמאנטן שטאנדפונקט, קען די וויסנשאפט נאר דינען אלס הילפסמיטל צום ווייטערדיגן פארשן, אבער קיינמאל נישט ארויסצוציען פון איר אבסאלוטע געזעצן. אלע וויסנשאפטליכע אויספירן מוזן געזען ווערן דורך דער פריזמע פונעם שוין דערמאנטן יסוד פון מאנאטעאיזם (אחדות הבורא), קעגן וועלכן אלע כלומר'שט געשטעלטע אבסאלוטן זענען נישט אבסאלוט. דער גאנצער מאטעריאליסטישער זיין מוז געשטעלט ווערן אונטער דער קאנטראל פונעם מאנאטעאיסטישן יסוד. ווייל די עמפיריק פון פיזיק און מאטעמאטיק קען נישט האבן קיין שליטה איבער די פלאם-וויטאלע גייסטיגע כוחות. אלע "אייזערנע געזעצן" פון דער נאטור, ווי די מאטעריאליסטן רופן זיי, זענען נישט מער ווי מענטשליכע דערפינדונגען, און ממילא אלס אזעלכע נישט אבסאלוט. זיי קענען זיך טוישן און ווערן אונטערגעשווענקט דורכן שטראם פונעם כסדר'דיגן פראגרעס.

אלס ביישפיל קען מען זען די איינשטיינישע טעאריע קעגן די געזעצן פון ניוטאן.

די וויסנשאפט קען זיך בכלל נישט אונטערנעמען און פארמאסטן צו דערקלערן די אבסאלוטע יסודות פון גאט, מענטש און וועלט, וועלכע בלייבן נאך אלץ די אויפגאבע פון דער מעטאפיזישער פילאזאפיע. ווייל די וויסנשאפט שטיצט זיך קיינמאל נישט אויף דערקלערונגען, נאר אויף אנגענומענע אקסיאמאטישע יסודות.

כדי דאס בעסער צו פארשטיין, וואלט כדאי געווען זיך אפצושטעלן איבער דער אנטשטייונג פון די פארשידענע וויסנשאפטן און זייער באציאונג. צום ערשטן זענען נישט געווען קיין באזונדערע וויסנשאפטן. ס'איז נאר געווען די פילאזאפיע, וועלכע איז אין אנהייב געווען א לערע וועגן אלעם. דער פילאזאף איז גלייכצייטיג געווען א מאטעמאטיקער, אסטראנאמיקער, פיזיקער און אזוי ווייטער. ערשט אינעם לויף פון דער אנטוויקלונג פון דער פילאזאפיע האבן זיך ארויסגעטיילט באזונדערע צווייגן פון דער וויסנשאפט, ווי מאטעמאטיק, אסטראנאמיע און פיזיק. נאך פיזיק איז געקומען די ריי אויף אנדערע ספעציעלע נאטור-וויסנשאפטן, ווי פאליטישע עקאנאמיע,

פילאלאגיע, ביאלאגיע און פסיכאלאגיע. פונקט אזוי ווי היינט צו טאג זעען מיר ספעציעלע אפצווייגונגען אינערהאלב יעדער באזונדערער וויסנשאפט. נעמען מיר למשל אנאטאמיע, וועלכע איז א באזונדערע וויסנשאפט און האט זיך צעטיילט אויף פארשידענע ספעציאליסטן, ווי אטעמונגס-ארגאנען, אקוליסטיק, נערוון-סיסטעם, לארינגאלאגיע און אזוי ווייטער.

די באזונדערע ספעציאליטעטן אינערהאלב דער וויסנשאפט פון אנאטאמיע, למשל, האבן זיך אפגעצווייגט בלויז כדי גרונטליכער צו שטודירן יעדן צווייג באזונדער, כדי גרינגער צו מאכן די פארשונג. די פארשונג וואלט געווען שווער, ווען זי וואלט ווייטער פארבליבן אן אלגעמיינע. זי האט זיך אבער בשום אופן נישט באפרייט פון דער אלגעמיינער אנאטאמיע.

אנדערש איז אבער געווען מיט די באזונדערע וויסנשאפטן אלס גאנצע, וועלכע האבן זיך ארויסגעשיילט פון דער פילאזאפיע און באפרייט פון אירע יסודות. די לערע פון מאטעמאטיק האט אויפגעהערט צו פרעגן און צו וועלן דערגרייכן, וואס איז איינס? וואס זענען רוים, צייט און צאל? זי האט זיך געשטיצט אויף א פאר אנגענומענע אקסיאמען און ארום זיי זיך כסדר אנטוויקלט.

אזוי האבן אויך געטון די אסטראנאמיקער און פיזיקער בנוגע די פראגן: וואס איז נאטור? צי עקזיסטירט בכלל עפעס אויסער אונז? צי אונזערע באאבאכטונגען אנטהאלטן אין זיך דיווירקליכקייט? און אזוי ווייטער. זיי האבן דאס אפגעווארפן.

אזוי האבן אויך די ביאלאגן זיך נישט אפגעשטעלט אויף דער פראגע: וואס איז לעבן בכלל? זיי האבן נאר פעסטגעשטעלט טאטזאכן, אז ס'איז דא א לעבן, און אנגעהויבן צו פארשן די געשעענישן און אנטוויקלונג פונעם לעבן. אזוי האט אויך די לערע פון פסיכאלאגיע נישט געזארגט וועגן דער פראגע: וואס איז נשמה? נאר זי האט זיך גענומען צו פארשן די פסיכישע אנטוויקלונג.

אויף אזא אופן זעען מיר, אז די באזונדערע וויסנשאפטן האבן זיך ארויסגעטיילט פון דער פילאזאפיע, זיך באפרייענדיג פון אירע יסודות און זיי איבערלאזנדיג פאר דער מעטאפיזיק, וועלכע איז איינציג אליין פארבליבן אין דער פילאזאפיע. און דערפאר קען ממילא די וויסנשאפט נישט ארויסזאגן קיין אבסאלוטע געזעצן, נישט האבנדיג קיינמאל אירע יסודות, אזוי צו זאגן, אויף דער פעסטער האנט.

די וויסנשאפט ענטפערט נישט, ווי מיר זעען, אויף דער פראגע: "פארוואס איז עס אזוי און נישט אנדערש?" נאר בלויז: "ווי אזוי קומט דאס פאר?" און דערפאר קען זי שוין ממילא נישט פארטרעטן די רעליגיע און זי אויך נישט איגנארירן. ווייל די באדערפעניש אין רעליגיע, ווי מיר האבן שוין געזאגט, דריקט זיך אויס אין דעם שטענדיגן זוכן, אין דעם דראנג פונעם מענטשליכן גייסט זיך אפצוגעבן מיט די פראגן פון דער אייביגקייט און אבסאלוטקייט. דאס קען נישט פארשווינדן.

יא, מיר ווייסן, א סך וועלן פרעגן: היתכן? ווי קומט רעליגיע צו וויסנשאפט? זיי זענען דאך צוויי קעגנזאצן. פונקט ווי די זעלבע פראגע ווערט געפרעגט בנוגע רעליגיע און סאציאליזם. אבער גראד ווי ביי דער צווייטער פראגע, אזוי אויך ביי דער ערשטער, איז עס דערפאר, ווייל זיי ווילן זיך נישט פארטיפן אינעם געדאנק.

דער ענגלישער פילאזאף פראנציס בעקאן שרייבט אין זיין עסיי איבער אטעאיזם: "ווייניג (אדער אויבערפלעכליכע) פילאזאפיע נייגט דעם מענטשליכן שכל צום אטעאיזם, אבער פארטיפונג אין דער פילאזאפיע ברענגט אים צו רעליגיע".

די אידישע רעליגיע איז געווען און איז נישט בלויז טאלעראנט בנוגע דער וויסנשאפט און פילאזאפישער פארשונג, נאר זי איז אויך אליין, און מער, ווי מיר האבן שוין אנגעוויזן, א פילאזאפישע, און זי איז אויך מחייב צו וויסנשאפטליכער חקירה. די חכמי התלמוד און אלע רעליגיעזע דענקער און פילאזאפן האבן געזען אין דער וויסנשאפט און אין אירע אנטפלעקונגען די געטליכע השפעה, וועלכע קומט דורך איר צום אויסדרוק, ווי עס ווערט געברענגט אין תלמוד (שבת ע"ה):

"כל היודע לחשב בתקופות ומזלות ואינו חושב, עליו הכתוב אומר; (ישעי' ה. י"ב) 'ואת פועל ה' לא יביטו ומעשה ידיו לא ראו'".

ווען מיר טרעפן שארפע ארויסטרעטונגען אין דער רעליגיעזער ליטעראטור קעגן פארשידענע אנדערע אויפפאסונגען, איז עס נישט געווען דערפאר, ווייל די לעצטע זענען בכלל געווען דענקנדע. די סיבה פון זייער ארויסטריט קעגן זיי איז נאר געווען דערפאר, ווייל זיי זענען אוועקגעגאנגען פונעם מאנאטעאיסטישן יסוד.

די אידישע רעליגיע, וואס איר יסוד איז מאנאטעאיזם, קען נישט, אלס א מאנאטעאיסטישע וועלט-באנעמונג, זיין טאלעראנט אין דעם פרט, ווען עס האנדלט זיך וועגן דעם גרונט-יסוד פון דער וועלט-אנשויונג. טאקע אט אין דעם פרט איז פראפעסאר זשעלינסקי געגרעכט, ווען ער זאגט אין זיין בוך "העלעניזם און יודאיזם": "אז דער העלעניזם, די גריכישע קולטור, איז געווען טאלעראנטער ווי דער יודאיזם". צי ער פארשטייט אבער נישט, פראפעסאר זשעלינסקי, די סיבה, אדער ער מאכט זיך נישט פארשטיין: עס איז דערפאר, ווייל דער העלעניזם איז געווען פאליטעאיסטיש. ער האט געקענט אין זיין פאנטעאן ארייננעמען א סך געטער. אבער דער יודאיזם, אלס א מאניסטישע וועלט-אנשויונג, איז אין דעם פרט פולשטענדיג אויסגעהאלטן.

די רעליגיעזע דענקער זענען אויך ארויסגעטרעטן קעגן אפיקורסים, וועמענס מנהגים און זיטן זענען געווען נידעריגע און זערא-עטישע, און מיט א בלינדער שנאה צו דער אידישער רעליגיעזער ליטעראטור. דער תלמוד ברענגט אין סנהדרין צ"ט: "אפיקורוס זה המבזה תלמידי חכמים". אונטערןווארט אפיקורס ווערן געמיינט די וועלכע שענדן און שפאטן פון תלמידי חכמים, אדער ווי עס ווערט בפירוש געברענגט אין חושן משפט: "אפיקורוס זה ישראל העובד אלילים, או עושה מעשה תעתועים להתגרות בישראל". דאס הייסט, אן אפיקורס איז דער וועלכער איז א געצנדינער, אדער ער טוט בכלל ווילדע

שטיק, כדי אויפצורייצן די אידישע געפילן. ווי מאקס נארדוי האט זיך אויסגעדריקט, כאטש ער איז געווען א פריידענקער: "יעדער איד, וואס איז מחלל שבת אויפן ארט וואו דאס בית המקדש איז געשטאנען, איז ווערט מען זאל אים טויטן". ער גייט ארויס פון א פשוט'ן הומאניטארן שטאנדפונקט און קוקט אויף אזעלכע "מחללי שבת" ווי שטערער אויפן וועג פון דער מענטשליכער אנטוויקלונג.

אויב דער מאנאטעאיזם באקעמפט יעדע פילאזאפישע וועלט-אנשויונג, וועלכע דערקלערט די נאטור אדער די נאטור-געזעצן אלס אבסאלוט-פארבינדענדע יסודות, איז ער אבער פון דער צווייטער זייט טאלעראנט און מחייב צו פילאזאפישער פארטיפונג, צו וויסנשאפטליכער פארשונג אין די ראמען פונעם מענטשליכן באגרעניצטן דענקען, אלס א וועג וועלכער פירט שטענדיג צו דער דערקענטעניש פון אין-סוף, צום אבסאלוטן.

און די פיל רעליגיעז-פילאזאפישע טראקטאטן פון רבי סעדיה גאון, רבי דוד אלקמץ, רבנו בחיי, רבי שלמה אבן גבירול, רבי אברהם אבן עזרא, רבי יהודה הלוי, דער רמב"ם און אנדערע, האבן אלע אונטערגעשטראכן די געטליכע עקזיסטענץ (מציאות) אלס אבסאלוטע (לחיוב), וועלכע מען קען בשום אופן נישט דערגיין אירע פאזיטיווע אטריבוטן, נאר בלויז דורך וויסנשאפטליכע חקירות קענען מיר דערגיין צום נעגאטיוון (לשלילה). אבער גלייכצייטיג האבן זיי אנערקענט, אז אלע וויסנשאפטליכע אויספירן און געזעצן טאר מען נישט דערקלערן אלס אבסאלוט-פארבינדענדע, און אלס אזעלכע מוז מען זיי דערווייטערן (להרחיקה). ווייל דאן גייען זיי ארויס פון די גרענעצן פון יהדות און דערנענטערן זיך צו געצנדינעריי (אליליות), אלץ איינס צי דאס זענען אמאל געווען די געצנדינערישע אבסאלוטן פון א זון, א לבנה אדער אנדערע פלאנעטן, צי דאס איז דער אבסאלוט פון פאנטעאיזם אדער פון מאטעריאליסטישן מאניזם.

די חז"ל לייגן א חוב אויף יעדן מענטש וואס קען נאר דענקען, צו דערגיין דאס נעגאטיווע, דאס הייסט, וויסנשאפטליכע פארשונגען וועגן דעם אוניווערס מיט אלע זיינע דערשיינונגען, אלס פראדוקטן פונעם אבסאלוטן.

די מיינונגס-פארשידנהייטן צווישן אלע רעליגיעזע דענקער, און בכלל די גאנצע שקלא וטריא פונעם תלמוד, זענען א באוויז פון א פרייען, טאלעראנטן מיינונגס-אויסטויש צווישן פארשידענע בעלי-פלוגתא. דאס זענען דאך אלץ וועגן צו שלמות, צום אין-סוף, וועלכע מוזן ממילא זיין נישט אבסאלוט.

אנדערש איז אבער מיטן מאטעריאליסטישן מאניזם, אויך א מאניסטישע וועלט-אנשויונג, וועלכע האט דערקלערט, אז זי האט אינעם מאטעריאליזם געפונען דעם "אבסאלוטן אמת". זי האט אויך ממילא אנגעהויבן קאנסעקווענט אפצולייקענען די עקזיסטענץ פון וועלכער עס איז באזונדערער גייסטיגער סובסטאנץ, און צו באקעמפן יעדן געדאנק, וועלכער האט זיך דערוואגט ארויסצורייסן פון דער אנגעצייכנטער ליניע. ווייל אויב זי האט אנגעוויזן אן אבסאלוטע גרעניץ, מוז זי דאך באקעמפן יעדע איבערשרייטונג פון איר דורך א וועג, וועלכן זי האט נישט אנגעוויזן.

אויף דער פראגע, וועלכע מען שטעלט אונז: האט איר א וויסנשאפטליך-לאגישע באגרינדונג וועגן די געטליכע אטריבוטן? ענטפערן מיר: מיר ווייסן נישט. און, ווי שוין געזאגט, קענען מיר דאך נישט, אלס נישט-אבסאלוטע וועזנס, וויסן זיין מהות. מיר קענען דאך נישט אריינגעמען די פאזיטיווע באגרינדונג פון די אטריבוטן אין לאגישע קאטעגאריעס. ווייל דער מענטשליכער געדאנק קען זיך נאר אויסדריקן אינעם נעגאטיוון, נישט אינעם פולקאמענעם פאזיטיוון, ווי רבנו בחיי ברענגט אין חובות הלבבות (שער היחוד).

אגב, דאס איז אויך די מיינונג פונעם רמב"ם, אז אריסטו איז געווען גערעכט, ווען ער האט געזאגט, אז נאר די נעגאטיווע פארשטעלונגען אנטהאלטן דעם אמת. דערפאר קענען קיין אבסאלוטע אמת'ן נישט פארשטאנען ווערן פאזיטיוו דורך נישט-פולקאמע וועזנס.

אפילו אין אלע צווייגן פון דער עקספערימענטאלער וויסנשאפט לערנט דער מענטש נאר פון די נעגאטיווע דערשיינונגען. למשל, אין דער פסיכאלאגיע איז די וויסנשאפט ווייט דערגאנגען נאר א דאנק דעם, וואס זי האט געפארשט די אלע קראנקהאפטע פסיכישע דערשיינונגען ביי מענטשן דורך פיזיאלאגישע פארטיפונגען, וועלכע האבן איר געדינט אלס אנווייזונגען צו פארשטיין די נארמאלע פסיכישע דערשיינונגען, אזוי ארום פארברייטערנדיג דעם ארסענאל פון דער וויסנשאפט.

די מאטעריאליסטן מאכן א טעות, ווען זיי ציען ארויס פון די נעגאטיווע דערשיינונגען אבסאלוטע געזעצן. זיי מאכן דעם אויספיר, אז די פסיכיק איז א פראדוקט פון דער פיזיאלאגיע. אבער זייער טעות באשטייט אין דעם, פונקט ווי איינער, צום ביישפיל, וועלכער קען נישט די טרייבקראפט פון א מאטאר. אלץ איינס צי דאס איז דערפאר, ווייל ער זעט נישט די עלעקטרישע דראטן, וועלכע ציען ענערגיע צו אים. ער באמערקט בלויז א מאטאר, וועלכער באוועגט זיך און שטעלט זיך פלוצלינג אפ צוליב א דעפעקט אין אים גופא: א רעדעלע אין אים ווערט צעבראכן. ער באמערקט אויך, אז ווען מען פאררעכט עס, ברענגט מען דעם מאטאר ווייטער אין נארמאלן גאנג. ער לערנט דערפון, אז נאר די גאנצקייט פונעם מאטאר איז א באדינג פאר דער נארמאליטעט פון דער באוועגונג.

ער וועט אבער מאכן א טעות, ווען ער וועט ארויסציען דערפון אן אבסאלוטן געזעץ, אז נאר דער מאטאר, אן און פאר זיך, אלס א גאנצער, נישט-באשעדיגטער, קען זיך שוין באוועגן, גלייבנדיג בלינד, אז ער איז דער יסוד פון דער קראפט, בשעת דער עיקר איז דאך נאר די טרייבקראפט, וועלכע ער קען נישט זען.

דער איבערקער אין דער פסיכאלאגיע אין די לעצטע צייטן צילט בפירוש צו דער זעלבסט-באשטימונג פונעם גייסטיגן לעבן, צו א באזונדערער נשמה-לערע. אזעלכע איבער-מאטעריעלע דערשיינונגען אינעם מענטשליכן לעבן, ווי עמפינדונג, עקסטאזיע,

סוגעסטיע און אינטואיציע, קענען בשום אופן נישט אריינגעשטופט ווערן אין די ענגע ראמען פונעם מאטעריאליסטישן מאניזם.

דער מאטעריאליסטישער מאניזם האט זיך דערקלערט אלס אבסאלוט-פארבינדענד. טראץ דעם וואס ער קען ביז היינט נאך נישט קלאר דערקלערן איבער-מאטעריעלע דערשיינונגען אינעם לעבן, און אנשטאט אנערקענען די זעלבסט-באשטימונג פונעם גייסטיגן לעבן, גרעניצט ער אים ארום און בינדט אים מיט "אייזערנע געזעצן", מאכנדיג פון דער וויסנשאפט א פעטיש.

דער מאנאטעאיזם אבער, וואס זיין ציל איז דער גרעניצלאזער אין-סוף, האט נאר איין קאנסעקווענץ: צו באקעמפן דאס וואס באגרעניצט דעם גייסט, וואס מיינט דאס זעלבע וואס באגרעניצט פרייהייט. ווי די חז"ל זאגן: "אל תקרא חרות אלא חירות".

## III

ווייל מיר ווייסן נישט, ווייל מיר קענען נישט וויסן די פאזיטיווע אטריבוטן פון ג-ט, ממילא קענען מיר אויך נישט וויסן זיינע אבסאלוט-פאזיטיווע באציאונגען צו אונז מענטשן. דערפאר אינטערעסירט אונז נאר דער וועג פונעם מענטש צו ג-ט.

אבער אויך דעם וועג צו דער ג-ט-דערקענטעניש, וועלכער דריקט זיך אויס אין דער פארשונג און דערקענטעניש פון דער גאנצער נאטור און אלע אירע דערשיינונגען, מוז דער מענטש אויך אויסגיסן אין זיינע טאג-טעגליכע האנדלונגען, אלץ לויט די טענדענץ פון דער רעליגיעז-עטישער אימפעראטיוו, אלס די פארבינדונג צו דער ג-ט-דערקענטעניש. ווי רבי שמואל אבן תבון שרייבט אין זיין הקדמה צו "שמונה פרקים להרמב"ם": "גם אין ספק שחפץ השי"ת גם כן מן האדם, שיתדמה בדרכיו לדרכי בוראו כפי היכולת, כי כמו שידיעת דרכי ה' הם דרך אל ידיעתו, כן ההתדמות בדרכיו הוא מפנה הדרך אל ידיעתו, כי המדות שאפשר לאדם שידמה למדות קונו, הם היקרות שבמדות הטובות הנמצאות בנפש האדם, אשר בלעדם רחוק להשיג אל המעלות השכליות כאשר זכר במקומות רבים, וכן זכרו כל חכם".

"ס'איז נישט קיין צווייפל, אז ג-טס פארלאנג פונעם מענטש ליגט אויך אין דעם", דאס הייסט, אויסער דעם וואס רבי שמואל אבן תבון זאגט פריער, אז ג-ט פארלאנגט פונעם מענטש, ער זאל פארשן און דערקענען דורך פילאזאפיש-וויסנשאפטליכער פארטיפונג די גאנצע נאטור און אלע אירע דערשיינונגען. דאס הייסט, ער זאל גלייכשטעלן זיינע האנדלונגען, ווי ווייט מעגליך, לויט די האנדלונגען פון ג-ט. ווייל פונקט ווי די דערקענטעניש פון ג-טס וועגן איז א צוגאנג צו דער ג-ט-דערקענטעניש, אזוי איז אויך דאס גלייכמאכן פונעם מענטש אין זיינע טאג-טעגליכע האנדלונגען צו די געטליכע א וועג צו זיין דערקענטעניש. ווייל די מידות, וועלכע דער מענטש קען פארגלייכן צו די געטליכע, זענען די טייערסטע צווישן די גוטע מידות, וועלכע געפינען זיך אינעם מענטשליכן "איך". אן זיי איז אוממעגליך צו דערגרייכן די פילאזאפיש-וויסנשאפטליכע

פארגעשריטנקייט, ווי דער רמב"ם דערמאנט אין פיל ערטער, און אזוי דערמאנען עס אויך פיל דענקער."

טראץ דעם וואס די גאנצע רעליגיעז-פילאזאפישע ליטעראטור, בכלל אויך חובות הלבבות, איז דורכגעדרונגען מיט דער מיינונג, ברענג איך אבער ספעציעל דעם ציטאט פון רבי שמואל אבן תבון. ווייל ער איז געווען דער לעבעדיגער תלמיד פונעם רמב"ם, און האט דאך געלערנט די גאנצע ליטעראטור פון די פארגייער פונעם רמב"ם, ווי רבי סעדיה גאון, רבי יהודה הלוי, רבי שלמה אבן גבירול, רבנו בחיי און אנדערע. ווי רבי שמואל אבן תבון דערמאנט טאקע אליין, צוגעבנדיג: "וכן זכרו כל חכם".

און אויסער דעם גיט אונז די תורה געזעצן, וואס זייער טענדענץ איז די עטישע פארפולקאמונג. ווייל מען קען נישט זיין רעליגיעז, אויב די טאג-טעגליכע האנדלונגען זענען גוט בלויז ביי יחידים. עס דארף אויך די גאנצע מענטשליכע געזעלשאפט זיין אין איינקלאנג מיט דער עטישער טענדענץ. דער בעל התניא דריקט זיך אויס (תניא פרק ל"ח): "ונמשל אור השכינה לאור הנר שאינו מאיר ונאחז בפתילה בלי שמן, כך אין השכינה שורה על גוף האדם שנמשל לפתילה אלא על ידי מעשים-טובים דוקא".

די אויספירונג און איינארדענונג פון דער מענטשליכער געזעלשאפט לויט די עטישע יסודות ליגט אין די מעגליכקייטן פונעם מענטש אלס דער יציר הבחירה. ווייל די אידישע רעליגיע איז געבויט אויפן יסוד פון בחירה חפשית, אין קעגנזאץ צו דער פאלשער אויפפאסונג פונעם קאלעקטיוויזם, וועלכער דערנידערט די מענטשליכע ראל, די פערזענליכע ווערט.

מיר גלייבן אינעם פרייען ווילן פונעם מענטש, אין קעגנזאץ צום מארקסיזם, וועלכער שטיצט זיך אויף די שפינאזא'שע יסודות. שפינאזא נעגירט דעם פרייען ווילן פונעם מענטש, זאגנדיג אז דער שטיין, וועלכער ווערט געווארפן דורך א שטויס-קראפט, ווען דער שטיין וואלט געקענט דענקען, וואלט ער געמיינט, אז ער באוועגט זיך פון זיין אייגענעם ווילן. דאס זעלבע איז אויך, זאגט שפינאזא, מיטן פרייען ווילן פונעם מענטש (אין זיין הוספה צו עטיק, טייל I).

ס'איז זעלבסטפארשטענדליך, אז שפינאזא, וואס אנערקענט נישט קיין שום סיבות אויסער דער נאטור, און די ג-טהייט איז ביי אים בלויז אן אינערליכע סיבה אינערהאלב דער נאטור (Causa imanenens), האט ממילא אויך נישט געקענט אנערקענען קיין שום פרייען ווילן אויסער די אייזערנע געזעצן פון דער נאטור. דערקעגן אנערקענט דער מאנאטעאיזם א סיבה אויסער און איבער דער נאטור (Causa-transcedenens), און אנערקענט דעריבער דעם פרייען ווילן, בחירה חפשית, ביים מענטש. ווי עס ווייזט דער רמב"ם און אנדערע רעליגיעז-פילאזאפישע דענקער, שטאמט ער פון ידיעה, וועלכע איז א חלק אלוקי ממעל: וואס מער ידיעה, אלץ מער בחירה.

דערפאר טאקע קען דער שטיין, וואס האט נישט קיין ידיעה, נישט האבן קיין בחירה. אבער דער מענטש, מיט א העכערער מאס ידיעה, קען באזיצן די בחירה חפשית. ווייל

לויט דעם רמב"ם האט דער מענטש, אפילו אויב ער האט נישט קיין ידיעה, טאקע נישט קיין בחירה.

אין דעם פרט קומען זיך צוזאמען, אין א געוויסער מאס, די אידישע[2] רעליגיעזע פילאזאפן מיט קאנט, מיט זיין "קאטעגארישן אימפעראטיוו", וועלכער דריקט זיך אויס, לויט קאנטס פארמולירונג: "כ'וויל אזוי, ווייל כ'ברויך אזוי האנדלען". דא קומט צום אויסדרוק דער שטארקער גלויבן פון קאנט אינעם פרייען ווילן פונעם מענטש, אלס דער יציר הבחירה.

קאנט אליין, דער באגרינדער פון קאוזאליטעט (Lex causalitatis), פונעם געזעץ אין דער נאטור, וועלכער זאגט אז יעדע פאלגע האט איר אורזאך, דאס הייסט, אלץ וואס געשעט אין דער נאטור האט געמוזט אזוי ווערן און נישט אנדערש, ווייל ס'איז געשטויסן געווארן דורך א פריערדיגער סיבה, ווי עס ווערט טאקע אין דער וויסנשאפטליכער לעקטור אנגערופן אויף זיין נאמען "קאנט לא פלאס" (ווייל קאנט און דער פראנצויזישער דענקער לא פלאס זענען געווען די באגרינדער פון קאוזאליטעט). דאס האט דאך נישט געשטערט קאנט אליין צו באגרינדן די מאראליש-מענטשליכע אימפעראטיוו אויפן פרייען ווילן, בחירה חפשית.

די אידישע רעליגיע איז פול מיט אפטימיזם און מיט שטארקן גלויבן אינעם מענטשליכן שאפונגס-כח, אלס א חלק אלוקי ממעל. אין דעם פרט קומען מיר זיך צוזאמען מיטן גרויסן דענקער פון אונזער צייט, אנרי בערגסאן, וועלכער שרייבט אין זיין בוך "באשאפנדע עוואלוציע": "דער מענטש, וועלכער שפרייט איבער די חיה און די גאנצע מענטשהייט, אין רוים און אין צייט, איז אן אומדערזיגבארע ארמיי, וואס גאלאפירט לעבן יעדן פון אונז, פאר אונז און אונטער אונז, אין אן איבערוועלטיגנדיגן אנגריף, וואס קען צושלאגן יעדן ווידערשטאנד און אוועקראמען די שרעקלעכסטע מניעות, אפילו דעם טויט אליין".

פראפעסאר שניאורסאן זאגט אין זיין לעצטן בוך "חלום און שפיל": ס'זענען פאראן אינעם מענטשליכן לעבן צוויי כוחות, נעמליך ארבעט און שפיל, וועלכע זענען אנטאגאניסטיש, אבער דערגאנצן זיי זיך קעגנזייטיג. ס'קומט פאר א ריטמישע זעלבסט-רעגולירונג צווישן ארבעט און שפיל. "מען שפילט א געוויסע צייט, באקומט מען פרישן חשק צו ארבעטן. ארבעט מען א לענגערע צייט, לעכצט מען נאך שפיל. בשעת דער ארבעט וואקסט דער שפיל-דראנג, און בשעת דעם שפיל וואקסט די ארבעטס-לוסט".

לויט פראפעסאר שניאורסאן ווערט דער גערענגל צווישן ארבעט און שפיל דאס טראגישסטע ביים אויפבוי פון דער סאציאלער ארדענונג. "אנשטאט דער אנארכישער, אומפאראנטווארטליכער קאנקורענץ פון דער פריוואט-איניציאטיוו ווערט פארלאנגט א פולקאמע סאציאלע ארגאניזירונג, וואס איז דער אפגיי און לאגישער אויספיר פון ארבעטס-אנטוויקלונג. דער שפיל אבער איז פריי, איראציאנעל, ליידנשאפטליך-עקספלאזיוו, און ווערט גראד גערייצט דורך דער איינשטעלעניש פון קאמף און

קאנקורענץ". "די פארשיכור'נדיגע שפיל-איינשטעלעניש איז די טרייבקראפט פון מסחר-קאנקורענץ". "אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט יאגן זיך איינער דעם אנדערן אין דעם געוועט-קאמף פאר בעסערע לעבנס-פאזיציעס". "אלע שפילער, וועלכע באטייליגן זיך אינעם קאמף, שטרעבן צום פארויסגעזעצטן ציל, צום שפיל-געווינס. דאס 'רעכט' ווערט ממילא אנערקענט פונעם זיגער, פונעם גליקס-געווינער, פונעם געשיקטן שפילער". קורץ פארמולירט: די ארבעט איז ארגאניזירנדיג און פארויסזעעריש, דער שפיל איז איינשטעלעריש-וואקאנאליש; די ערשטע איז ראציאנעל-קאלעקטיוויסטיש, די צווייטע עמאציאנעל-אינדיווידואליסטיש. מיר באגעגענען זיך דא ווידער מיט דער טראגישער דיאלעקטיק פון דער ארבעט-שפיל-דורכפירונג:

"אין אלע צייטן פלעגט מען זוכן די אויסלייזונג פון דער שפיל-טראגעדיע דורך דעם שפיל גופא, דאס הייסט, דורך דעם ארסענאל פון שעפערישע שפילן, וואס זייער אנטאגאניסטישער אויפברויז איז פראדוקטיוו און ברענגט נייע מעגליכקייטן פאר דער ארגאניזירטער ארבעט. עס זענען פאראן צוויי פארשידענע אורשפרינגליכע פארמען פונעם שפיל-דראנג: דער שעפערישער, אין דער הויכער, דאס הייסט, העכערער אנטוויקלונגס-פארם; און דער דעסטרוקטיווער, אין דער נידעריגער צינדער-שפיל-דראנג. דער שעפערישער ברענגט פרייהייט און דערהייבט דעם טעכנישן ווילן. דער צינדער פירט צו צוואנג-שפיל, וואס פאראליזירט דעם ווילן. דער שעפערישער שפיל, אויף וויפיל ער איז שעפעריש, דריקט ער אויס דאס אריגינעלע, אייגנארטיגע, די סאמע אינערליכסטע וועזנהייט פון דער פערזענליכקייט, און ווערט דערפאר איבערגעלעבט אלס אן 'אינטימער' שפיל.

דער דעסטרוקטיווער שפיל דערקעגן דריקט אויס די פרימיטיווע כוחות פון דער פערזענליכקייט, וואס קומען ווי א בלינדער צוואנג און ווערן איבערגעלעבט ווי 'איך-פרעמדע' אדער 'איך-פיינטליכע'. דער פרימיטיווער שפיל איז א צוואנג-שפיל, וואס ציט דעם מענטש פון זיך אליין, אן און קעגן זיין ווילן. האט מען פיל מאל גענוצט מארפיע, ציט עס נאכדעם צו מארפיע ווי א בלינדער צוואנג. דאס איז דער בארג-אראפ, וואו מען קייקלט זיך פון זיך אליין. וואס מער אבער דער שפיל איז שעפעריש, אלץ מער איז ער א פריי-שפיל, וואס קומט לויט און דורך דעם פרייען ווילן. יעדער מאמענט פון שאפונג איז א פרייער ווילנס-אקט, א געוואלטע אנשטרענגונג, אן איבערוויינדונג פון אפגעלאזנקייט. דאס איז דער בארג-ארויף, וואו יעדער אויפשטייג ווערט געמאכט דורך ווילנס-אימפולסן. וואס גרעסער די שאפונג, אלץ גרעסער זענען די אנשטרענגונגען, די 'שאפונגס-ליידן'. דער זשעני האט דערפאר אן איבער-נארמאלע ארבעטס-פעהיגקייט, ווייל גרויסע שאפונג קומט מיט גרויסער ווילנס-שפאנונג."

אט דער שפיל-דראנג, אלס דער דינאמישער כח גראד פונעם פרייען שעפערישן ווילן, פונעם 'איך', דער אויסדרוק פונעם אינדיווידואליסטישן אימפולס, האט צוויי פאלוסן: בארג-ארויף און בארג-אראפ. דער שפיל-דראנג, וועלכער דערהייבט דעם מענטש צו א העלדיש-פאטעטישן אויפשוואונג, אויב ער ווערט נישט געשטיצט דורכן בעסטן פרייען

ווילן, קען זיך אראפקייקלען בארג-אראפ צום דעסטרוקטיוון און נידעריגן צינדער-פרימיטיוון שפיל, וועלכער פאראליזירט דעם ווילן.

דער פערזענליכער אינדיווידועלער דראנג, וועלכער קומט צום אויסדרוק ביים קאפיטאליסטיש-עקאנאמישן סדר דורך דער פריוואט-איניציאטיוו און דורכן פרייען קאנקורענץ-קאמף, אלס דער נידעריג-צינדענדער פרימיטיווער שפיל-דראנג, איז שעדליך דעסטרוקטיוו. און דערפאר טאר אינעם עקאנאמיש-סאציאלן אויפבוי נישט דערלאזט ווערן די ענגע אמביציע, דער אינדיווידועלער שפיל-דראנג, נאר דער ראציאנעל-קאלעקטיוויסטישער ארבעטס-דראנג, וועלכער קען נאר קומען צום אויסדרוק אין א סאציאליסטישער ארדענונג.

אויב ביים סאציאל-עקאנאמישן אויפבוי שטערט דער פרייער קאנקורענץ-שפיל-קאמף די סאציאלע גלייכהייט, איז אבער אין גייסטיגן שאפן דווקא נויטיג דער קאנקורירנדער שפיל-דראנג, וואס זיינע אימפולסן ברענגען דעם זשעני אן איבער-נארמאלע ארבעטס-פעהיגקייט, ווי חז"ל זאגן: "קנאת סופרים מרבה חכמה".

ווען מיר טרעפן זיך היינט צו טאג מיט דער טענה קעגן סאציאליזם, וועלכע לויטעט: אויב ביים מענטש פארשווינדט דער ענגע דראנג, וועלכן די פריוואט-איניציאטיוו גיט אים, די אמביציע פון איבערשטייגן, איבעריאגן דעם צווייטן מיט פראכט און פארמעגן, דאן פארלירט דער מענטש די שעפערישקייט, דעם לעבנס-אינטערעס, קענען מיר אפווארפן די טענה לויט די דא דערמאנטע אויספירן. אדרבה! אינעם עקאנאמיש-שעפערישן דראנג איז אט די עגאאיסטישע אמביציע, דער אינדיווידועלער שפיל-דראנג, גאר שעדליך, ווי מיר זעען אים ביים קאפיטאליזם. די עגאאיסטישע שטרעב-קראפט, דער שפיל-דראנג, וועלכער איז נויטיג פארן מענטש, פאר זיין לעבנס-אינטערעס, וועט דאן אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט, וועלכע באשאפט די מעגליכקייט פאר א בעסערער קולטור-שאפונג, זיך אויסלאדענען אין שעפעריש העכערער התרוממות און וועט אים פירן צו העכערער מענטשליכער חשיבות.

ס'וועט דאן פארקומען א סובלימאציע (זיך באנוצנדיג מיט פראפעסאר פרויד'ס טערמין) פון עגאאיסטישער, פרימיטיוו-נידעריגער מאטעריעלער אייגננוץ צו העכערער נשמה'דיגער דערהויבונג, צו די אין-סוף'דיגע צילן.

ווי מיר האבן שוין דערמאנט, קען מען נישט צוקומען צו גייסטיגן אויפשוואונג, מען קען נישט שעפן קיין אינספיראציע און קיין באגייסטערונג אן זיך עטיש אויסצולעבן. דעריבער צילן אלע רעליגיעזע אימפעראטיוון (אלס פארבינדונג צו דער פילאזאפיש-וויסנשאפטליכער פארפולקאמונג, צו שלמות, צו דער ג-ט-דערקענטעניש) קודם-כל צו עטישער פארפולקאמונג.

די עטיק מוז אבער זיין א רעליגיעז-מעטאפיזישע. ווייל אויב מען קען, ווי מיר האבן שוין פריער דערמאנט, אפטיילן געוויסע וויסנשאפטליכע צווייגן אין זייערע עקספערימענטאלע פארשונגען פון דער מעטאפיזישער פילאזאפיע, קען מען אבער

נישט אזוי טון מיט דער עטיק, וועלכע מוז האבן אירע ווארצלען אין דער רעליגיע. ווי פראפעסאר איינשטיין זאגט אין א געשפרעך מיטן מאטעמאטיקער סליוואן און דעם אירלענדישן שריפטשטעלער דעסמאנד מארפי, אויף די באהויפטונגען פונעם לעצטן, אז די טראדיציאנעלע רעליגיע באפרידיגט נישט דעם מענטש וואס זיינע אינטערעסן ליגן אויף דער וויסנשאפט, האט איינשטיין געענטפערט: "יעדע וויסנשאפט שטאמט פון א רעליגיעזן געפיל, אן וועלכן די וועלט וואלט געווען פרוכטלאז", און די מאראל-פילאזאפיע קען זיך נישט שטיצן אויף וויסנשאפטליכע יסודות. כדי דאס קלארער צו באווייזן, מוז איך זיך דא א ביסל אפשטעלן איבער דער באדייטונג פון עטיק.

עטיק הייסט די לערע וועגן אבסאלוט-גוטס, א ציל צו וועלכן דער מענטשליכער ווילן, די בחירה חפשית, דארף זיך קערן און ווענדן, אלס דער אינסטרומענט פונעם גייסט.

און ווייל אט דאס איז דער באגריף פון עטיק, דערפאר איז שוין פון אנהייב אן אנטשטאנען אין צוזאמענהאנג מיט עטיק די פראגע: וואס איז גוטס? און וואס איז שלעכטס? דא האבן זיך ארויסגעשיילט צוויי מיינונגען, פון וועלכע איינע איז געבליבן טריי ביז היינט צו אירע יסודות. ס'האבן זיך נאר געמאכט צווישן די השגות פונעם מענטש, בנוגע די פראקטישע אויספירן דערפון, זייערע דיפערענצן. די צווייטע דערקענן האט כסדר געמישט אירע יסודות.

די ערשטע איז די רעליגיעז-מעטאפיזישע עטיק, און די צווייטע איז די עמפירישע עטיק.

די רעליגיעז-מעטאפיזישע עטיק נעמט אן "א פריארי", אז פארן מענטש עקזיסטירט אן אידעאל פון אן אבסאלוט-פארפולקאמט, שלמות'דיג לעבן. דער באגריף פון גוטס און שלעכטס ווערט געזען דורך דער פריזמע פון דעם "א פריארי"-אבסאלוט. זי פארפליכטעט דעם מענטש זיך לויט אים צו ריכטן אין זיין טעגליכן לעבן.

די עמפירישע עטיק האט געוואלט לייזן די פראגע פון גוטס און שלעכטס דורך דער עמפיריק, דאס הייסט, דורך די טאג-טעגליכע מענטשליכע נסיונות.

גאנץ אין אנהייב איז געווען באקאנט די צירענעאישע עטיק, וועלכע אריסטיפ פון צירענעא האט געלערנט. לויט אריסטיפ'ן איז ארויסגעקומען, אז פארן מענטש עקזיסטירט נאר איין איינציק גוטס: דאס פארגעניגן. שלעכטס זענען די ליידן און די פיין פונעם מענטש. און אזוי ווי עטיק הייסט די לערע וועגן אבסאלוטן גוטס, קומט ממילא אויס, אז עטיש איז נאר דאס וואס שאפט דעם מענטש וואס מער פארגעניגן. נישט עטיש איז דאס וואס שאפט דעם מענטש פיין. דאס איז געווען די ערשטע גראב-מאטעריאליסטישע עטיק.

אריסטיפ האט געהאלטן די עטישע באגריפן פונעם מענטש פאר זיין אייגנארטיגע נאטור. אבער אין לעבן האבן זיי זיך ארויסגעוויזן גאר פארקערט, א שטערונג פאר דער מענטשליכער נאטירליכער אנטוויקלונג. ווייל לויט די נאטירליכע מעגליכקייטס-ראמען קען דער מענטש זיך קיינמאל נישט אנזעטיגן מיט מאטעריעלע פארגעניגנס. די חז"ל

זאגן: "אין אדם מת וחצי תאותו בידו, אלא אם יש לו מנה רוצה מאתים, ואם יש לו מאתים רוצה ארבע מאות". און ווען מען ריכט זיך לויט איר אין טאג-טעגליכן לעבן, פירט זי דעם אינדיווידועלן מענטש צו אפאטיע, שכרות און זעלבסטמארד, און פאר דער געזעלשאפט ברענגט זי מיט זיך אנארכיע, דעספאטיזם און דאס גלייכן.

אויף אנדערע עמפירישע יסודות האט זיך אוועקגעשטעלט עפיקר. ער האט געזאגט: גוטס איז דאס וואס איז נוצליך פאר דעם מענטש. שלעכטס איז דאס וואס ברענגט שאדן דעם מענטש. ער האט געלערנט, זיך ווענדנדיג צום מענטשליכן שכל, צו האנדלען לויט דער אויסרעכענונג פון פלוס און מינוס, פון נוצן און שאדן.

אבער ווייל אויך ער האט נישט אנגעוויזן קיין אנדער גוטס פארן מענטש אויסער דעם פארגעניגן (ער האט נאר געלערנט, אז פארן מענטשנס נוצן איז גוט, דער מענטש זאל בארעכענען, אז דאס פארגעניגן זאל אים נישט ברענגען קיין פיין און לייד), דערפאר האלט זי נישט אויס קיין קריטיק, פונקט ווי די צירענעאישע עטיק.

אויב גוטס איז דאס פארגעניגן, און יעדער איינער קען עס זוכן ווי ער געפינט עס, פירט דאס אויך צום זעלבן ווי די צירענעאישע עטיק. ווייל זייערע יסודות זענען דאך סוף-כל-סוף די זעלבע. דאס הייסט, פאר ביידע איז דאס אבסאלוטע גוטס די מענטשליכע פארגעניגנס. און אט אויף די יסודות פון דער עפיקרעאישער עטיק, וועלכע ווערט גערופן די אינטערעסן-עטיק, האבן אלע זיינע נאכפאלגנדע עמפיריקער געבויט די עטיק און זי פארשידן אינטערפרעטירט.

מיר טרעפן זיך מיט איר אין א געוויסער מאס אויך ביי מארקס, וואו די עטישע אימפולסן ווערן גלייכגעשטעלט מיטן קאמף פאר נוצן, וועגן וועלכן מיר וועלן נאך רעדן. דא בלייבט נאר איבער אויסצופירן, אז לויט ווי מיר זעען, קען די עטיק זיך נישט שטיצן אויף עמפירישע יסודות, און קען זיך ממילא נישט ארויסשיילן פון דער רעליגיעז-מעטאפיזישער אנשויונג. זי מוז בלייבן פעסט צוזאמענגעבונדן מיט איר. זי קען זיך נישט שטיצן אויף עמפירישע יסודות, נאר אויף מעטאפיזישע, וועלכע פארפליכטן דעם מענטש זיך צו ריכטן אין זיין טעגליכן לעבן לויט אן "א פריארי" אנגענומענעם אידעאל פון אן אבסאלוט שלמות'דיגן לעבן.

גוטס אדער שלעכטס ווערט נישט געמאסטן לויט דער מאס פון נוצן אדער שאדן, נאר לויט דער מאס פון א פריער אנגענומענעם אבסאלוט, דער יסוד פון דער רעליגיעז-מעטאפיזישער וועלט-אנשויונג.

און דערפאר, ווען מיר רעדן וועגן עטיק, קען עס נאר זיין די רעליגיעזע עטיק, און נישט קיין עטיק וועלכע זאל זיך שטיצן אויף דער עמפירישער וויסנשאפט. ווי פראפעסאר איינשטיין האט שוין אנגעוויזן, זאגנדיג: "די מאראל-פילאזאפיע קען זיך נישט שטיצן אויף וויסנשאפטליכע יסודות".

דער בעסטער באוויז, אז ס'עקזיסטירט א העכערע עקזיסטענץ וועלכע פארפליכטעט אונז צו מאראלישע טאטן, זענען די מאראלישע באפעלן, וועלכע דערטראגן זיך צו אונז פון די הויכקייטן פון דער איבער-מענטשליכער וועלט און די טיפענישן פון אונזער אינערליכסטן "איך". זיי זענען נישט שטענדיג צוגעפאסט לויט דעם מענטשנס נוצן, נאר לויט די גייסטיגע ווערטן פאר וועלכע דער מענטש דארף קעמפן. ווי מיר זעען עס ביי די נביאים, מיט זייערע אימפעראטיוו-מאראלישע באפעלן פון א "והיה באחרית הימים", וועלכע שטייגן ווייט אריבער די אינטערעסן פון זייער דאמאלסדיגן טאג-טעגליכן לעבן. און נאך היינט צו טאג איז דער באחרית-הימים-ציל ערשט א צוקונפטס-מוזיק.

דער רעליגיעז-מעטאפיזישער עטישער אימפעראטיוו דריקט זיך אויס לויט דעם "קאטעגארישן אימפעראטיוו" פון קאנט, לויט זיין באוואוסטן כלל: "כ'וויל אזוי, ווייל כ'ברויך אזוי האנדלען". און אט אין דעם "כ'וויל אזוי" קומט צום אויסדרוק דער שטארקער גלויבן פון קאנט אינעם פרייען ווילן פונעם מענטש אלס דער יציר הבחירה, וועלכער דעקט זיך און איז אין איינקלאנג מיט די מיינונגען פון די אידישע רעליגיעזע פילאזאפן.

דער רעליגיעז-מעטאפיזישער אימפעראטיוו, וועלכער הויבט אן צו אנטדעקן די חשיבות פון דער פערזענליכקייט, איז א פועל-יוצא, א פאלגע פון דער (Causa Transcedenens), פונעם אין-סוף, וועלכער אנטדעקט א לעבן אומאפהענגיג פון דער גאנצער חושים'דיגער און חיה'שע וועלט. ער טוט זיך נישט איינשרענקען מיט באדינגונגען און גרענעצן. ער גייט אין דער אומענדליכקייט, לויט דעם רוף פון די חז"ל (אבות ב'): "לא עליך המלאכה לגמור, ולא אתה בן חורין להפטר ממנה".

## IV

די רעליגיעז-עטישע טענדענצן קומען נישט בלויז אנווייזן דעם ציל צו וועלכן דער מענטש זאל שטרעבן, נאר זיי הייסן אויך דערקענען די באדינגונגען אין וועלכע דער מענטש קען צוקומען צום ציל. און אט דא קומען מיר צום סאציאליזם.

דער אידישער רעליגיע איז פרעמד יעדער מין צייט-באגריף. ווייל פאר דער רעליגיע, אלס די אייביגקייטס-טענדענץ פון ג-טס ווילן, פארשווינדט אלץ וואס איז באגרעניצט אין צייט און ארט. און דערפאר, ווען מיר רעליגיעז-עטישע סאציאליסטן קומען היינט צו טאג צום סאציאליזם, זאגן מיר נישט, אז דער סאציאליזם איז שוין די אבסאלוטע פארם פון דער געזעלשאפט. א פשיטא שוין, אז מיר דערקלערן נישט דעם סאציאליזם מדאורייתא.

ווען מיר שטרעבן און קעמפן פאר א סאציאליסטישע ארדענונג, איז עס דערפאר, ווייל מיר גייען ארויס פון די שוין דערמאנטע שטאנדפונקטן, וועלכע לאזן זיך אין קורצן אזוי פארמולירן:

1. <u>דער ציל פונעם מענטשליכן לעבן אלס מענטש, אלס יציר הבחירה, איז די ג-ט-דערקענטעניש.</u>

ג-ט-דערקענטעניש הייסט: דערקענען דעם קדמון, די אור-סיבה פונעם גאנצן וועלט-אוניווערס.

דערקענען די אור-סיבה מיינט דערגרייכן דאס קאנקרעט-אבסאלוטע.

2. דאס קאנקרעט-אבסאלוטע קען אבער דער מענטש נישט דערגרייכן אין די ראמען פון זיין לאגישן דענקען. דער מענטש, אלס נישט-אבסאלוטער, קען אין זיין דענקען דערגרייכן נאר דאס רעלאטיוו-אבסאלוטע, וועלכער ברענגט אים בלויז בהדרגה, וואס אמאל נענטער צום קאנקרעט-אבסאלוטן, אבער נישט צו אים גופא.

דערפאר הייסט ריכטיג די באשרייבונג פונעם ג-ט-באגריף אין דער רעליגיעז-פילאזאפישער ליטעראטור אין-סוף, דאס הייסט, אומענדליך, אומאויסדריקליך. ווייל דאס קאנקרעט-אבסאלוטע איז דאס זעלבע ווי אין-סוף.

דער אין-סוף איז א שטענדיגע נעגאציע פון יעדן פארגעאורטיילטן, פון יעדן איבערגלויבערישן אבסאלוט, וועלכער ווייזט אן די קאנקרעטע גרעניץ, וועלכער דערקלערט זיך אלס קאנקרעט-אבסאלוטן.

3. אלע וויסנשאפטליכע דערגרייכונגען זענען מענטשליכע הילפס-מיטלען אויפן וועג צום ציל. און אלס אזעלכע זענען זיי נישט קאנקרעט-אבסאלוטע. זייערע געזעצן זענען רעלאטיוו-אבסאלוטע.

4. די רעליגיע און איר אמת'ע און ריכטיגע אינטערפרעטאציע איז א וועג צום ציל.

5. די תורה און אירע געבאטן, וואס זייערע טענדענצן זענען די עטישע דערהויבונגען פונעם מענטש, אלס די פארבאדינגונגען צו דערגרייכן דעם ענד-ציל, רעגולירן דאס מענטשליכע לעבן און שטויסן צו דער קאנקרעטיזירונג פונעם מענטשליכן בעסערן ווילן.

און ווייל היינט צו טאג, ווען די קאפיטאליסטישע ארדענונג איז פול געווארן מיט אומגערעכטיגקייט, רויב און מארד; היינט צו טאג, ווען דער צעפאלונגס- און צעברעכונגס-פראצעס פון דער נישט-ריכטיגער קאפיטאליסטישער ארדענונג טרעט פארויס מיט ריזיגע שריט, זעען מיר אין סאציאליזם די איינציקע יושר'דיגע געזעלשאפטליכע געשטאלטונג, וועלכע קען מעגליך מאכן דעם מענטשנס גייסטיגע קאנטינואיטעט אין דער וועלט, צו וועלכער די עטישע תורה-טענדענצן צילן.

אבער מיט דער צייט, ווען מען לעבט שוין אפילו אין א סאציאליסטישער ארדענונג, אויב עס וועט זיך דאן ארויסווייזן, אז ס'קען זיין א מער יושר'דיגע, א מער עטישע געזעלשאפטליכע געשטאלטונג, וועלן מיר דאן שטרעבן צו פארווירקליכן די שענערע, די עטישע געשטאלטונג פון דער געזעלשאפט. פונקט ווי מיר טוען עס היינט בנוגע דעם

סאציאליזם. ווייל צוליב דער אבסאלוטקייט פון דער תורה זענען פארמען נישט אבסאלוט. צוליב דער נצחיות פון די תורה-טענדענצן זענען פארמען פאראיבערגייענדע.

און דערפאר איז אין דער אנטוויקלונג פון די מענטשליכע השגות, פון דער מענטשליכער אויפנעמונגס-פעהיגקייט בנוגע די נצחיות-טענדענצן פון דער תורה-עטיק, דאס בייטן און טוישן זיך פון די נישט-אבסאלוטע פארמען פון דער געזעלשאפטס-ארדענונג א נאטירליכע דערשיינונג.

ס'וואלט געדארפט זיין איבעריג אנצואווייזן אויף דאס אוממענטשליכע, דאס חיה'שע, וואס ליגט אינעם עצם פון דער היינטיגער קאפיטאליסטישער ארדענונג, וועלכע שטייט אין א בולטער סתירה צו די עטישע טענדענצן פון יהדות. דאס בילד פון גזילה און רציחה איז געווען בולט. אפילו בלינדע האבן עס דערטאפט מיט די הענט, און זיין גרויל און אימה'דיגקייט לאזט זיך געווען פילן אויף יעדנס הויט און ביינער.

כדי צו דערווייזן דאס חיה'שע פון דער היינטיגער ארדענונג, איז געווען אנצואווייזן אויפן בלויזן אויבערפלאך פונעם קאפיטאליזם, וועלכער איז אין סתירה צו יעדן עלעמענטאר-מענטשליכן געפיל, און א פשיטא שוין צו די רעליגיעז-עטישע תורה-טענדענצן. די יסודות פון דער קאפיטאליסטישער ארדענונג זענען די פראפיט-מיסטיק, די פראפיט-יאגעניש. און היינט צו טאג איז דאס דער מאדערנער עגל-הזהב, צו וועמען די קאפיטאליסטן דינען.

ווען מיר וועלן זיך צוקוקן צו א גרויסן קאפיטאליסט, וועלכער יאגט זיך נאך גרויסע פראפיטן, וועט מען זען, אז ער טוט עס נישט דערפאר, ווייל ער זאל האבן אן אויסקומען פאר זיין עקזיסטענץ. ער קען זיין, און איז שוין באווארנט אויף א לענגערער צייט, אדער אויף שטענדיג, מיט זיינע מאטעריעלע הצטרכות'ן. און דאך שטייט ער יעדן פרימארגן אויף פון זיין שלאף מיט א געוואלדיגער יאג, מיט א גרויסן עול, זיך ווייטער איינצושפאנען אין דער עבודה פונעם מאדערנעם עגל-הזהב. ווען מען אנאליזירט די טאג-טעגליכע מעשים פון אזא קאפיטאליסט, זעט מען, אז ער איז א פראדוקט פון א גראבן פעטישיסטישן אטיליטאריזם, וועלכער איז אנגענומען אין אלע בירגערליכע קאפיטאליסטישע קרייזן. אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט ווערט אפגעשאצט און הויך געשטעלט נאר דער וועלכער פארדינט א סך, נאר דער וועלכער פארנעמט א פריערדיגן ארט אינעם פארמעסט פון דער פראפיט-יאגעניש. און דער וועלכער בלייבט הינטערשטעליג ווערט אויסגעלאכט.

דאס טראגישסטע איז אבער, אז אין דעם משוגענעם געלויף טרעט מען איינער אויפן צווייטן. אזוי ארום איז קאפיטאליזם געווארן דער סינאנים פון אכזריות'דיגקייט און אוממענטשליכקייט, און מען ווערט ווילדע געצנדינער צו דער קאפיטאליסטישער געטשע.

אט די פראפיט-יאגעניש האט געברענגט דערצו, אז פון איין זייט האבן זיך אנגעזאמלט געוואלדיגע אוצרות פון אלע נאטור-רייכטימער אין די הענט פון יחידים, וועלכע ווארפן

ווידער צוליב פּראָפיט אַריין אין די ימים, אָדער פאַרברענען, מיליאָנען טאָנען תבואות און פאַרשידענע פּראָדוקטן. פון דער צווייטער זייט געפינען זיך געוואַלדיגע מחנות פון צענדליגע מיליאָנען מענטשן, וועלכע לעבן אין די גרויזאַמסטע באַדינגונגען, וועלכע לעבן אין פּיין, הונגער, נויט און מיט אַ געוואַלדיגן יאוש צוליב מאַטעריעלער זאָרג אויפן מאָרגנדיגן טאָג.

צי באַווייזט דאָס נישט בולט די רשעות, די ממשלת-זדון פון דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, וועלכע שטייט אין אַ בולטער סתירה צו די רעליגיעז-עטישע טענדענצן פון יהדות?

דער צעפאַלונגס-פּראָצעס, אַלס פּראָדוקט פון דער היינטיגער אָרדענונג, טראָגט אויך אַריין אירע באַקטעריען צווישן מענטש און מענטש.

די מיקראָבן פון דער היינטיגער באַגרעניצטער אָרדענונג פאַרשפּרייטן זייער צעפּרעסונגס-פּראָצעס אין אַלע נעסטן פון דער מענטשליכער געזעלשאַפט, און די גאַנצע מענטשליכע משפחה ווערט אַ געוואַלדיגער נעסט פון צביעות.

ווי שוין געזאָגט, איז נישט גענוג בלויז צו לערנען דעם מענטש און אים אָנצואווייזן וועגן דעם אַבסאָלוט, צו וועלכן ער דאַרף ווענדן אַלע זיינע באַמיאונגען. מען מוז אויך דערקענען די באַדינגונגען אין וועלכע דער מענטש זאָל קענען צוקומען דערצו. דערפאַר, אויב מען דערקלערט אַ קאַמף קעגן די עקאָנאָמישע יסודות פונעם קאַפּיטאַליזם, מוז מען אויך פּאָזיטיוו אָנווייזן נייע עקאָנאָמישע יסודות.

היינט צו טאָג, ווי שוין געזאָגט, זעען מיר דעם וועג דערצו דורכן אויפלעבן זיך אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. ווייל נאָר אין אַזאַ געזעלשאַפט, וואו אַלע פּראָדוציר-מכשירים וועלן געהערן צום גאַנצן כלל, וועט די ראַציאָנאַליזאַציע, די ריזיגע פאַרשריטן פון דער טעכניק, זיין אַ ברכה אַנשטאָט אַ קללה פאַר דער מענטשהייט, ווי זי איז ביז איצט.

ווייל ווען זי געפינט זיך אינעם רשות פון יחידים, ווערט זי אויסגענוצט דורך זיי בלויז צוליב זייערע פאַרדינסטן. זי שאַפט און מאַכט מעגליך אַזעלכע פּאַראַדאָקסן ווי פון איין זייט אומגעהייערע פּראָדוקציע, און פון דער צווייטער זייט הונגער און נויט.

מיר שטעלן פעסט, אַז די מעכאַנישע פאַרשריטן אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג שטויסן יעדן טאָג אַרויס טויזנטער אַרבעטער, וועלכע שאַפן אַזוי אַרום די אונטער-קאָנסומציע. ווייל ווען זיי האָבן נישט קיין מעגליכקייטן צו פאַרדינען, פאַלט ביי זיי אָפּ די קויפמעגליכקייט. אָבער, ווי מיר זעען, דאַרף מען דאָס נישט אָנרופן איבערפּראָדוקציע. פּשוט און ריכטיגער דאַרף מען עס אָנרופן אונטער-קאָנסומציע. אַזוי אַרום קומט בולט צום אויסדרוק די אַנאַרכיע אין דער ווירטשאַפט.

אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וואו אַלץ וועט געהערן צום כלל, וועט זיין מעגליך אַ פּלאַן-ווירטשאַפט, וואו אַלע וועלן גלייך פּראָדוצירן און אַלע וועלן גלייך געניסן. אַזוי

ארום וועט די ראַציאָנאַליזאַציע זיין אַ ברכה פאַר אַלע.

אין יענע געבענטשטע טעג וועלן קענען באַפרידיגט ווערן די באַדערפעניש פון יעדן יחיד. די אַרבעט פונעם אַרבעטס-מענטש וועט נישט זיין ווי ביז היינט, אַ אַרבעט אַלס אַ מיטל צו פאַרדינען אויפן לעבן. זי וועט זיין אַ אַרבעט פונעם פריידיגן שאַפן.

ווען דער מענטש וועט זיך באַפרייען פון דער גרעבערער אַרבעט, וואָס איר אַרט פאַרנעמט די מאַשין, וועט ער קענען פריי אויפלעבן זיין פּערזענליכן ווערטפולן לעבן, אין אַן אַבסאָלוטער, סיי פיזישער, סיי גייסטיגער פרייהייט.

## V

קאַמף פאַר סאָציאַליזם הייסט לויטן רעליגיעז-עטישן סאָציאַליזם: קאַמף פאַר מענטשליכע באַפרייאונג און נישט בלויז פּראָלעטאַרישע באַפרייאונג; מאָראַלישע אויפלעבונג און נישט בלויז עקאָנאָמישער איבערבוי. דער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם טאָר נישט זיין קיין קאַמף בלויז פאַר נוצן, נאָר קודם כל אַ קאַמף פאַר ווערטן, גייסטיג העכערע צילן, איבערצייטליכע, אין-סוף'דיגע. אין זייער דינסט מוזן מיר שטעלן דעם סאָציאַליזם אַלס די מדרגה, דער שטאַפּל אויף וועלכן מיר זאָלן איבערשטייגן צו קומען נענטער צום ציל.

דער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם מוז ווערן אָנגעפירט דורכן אינערווייניגסטן "איך" פונעם מענטש, פון אַן אינערליכן געבאָט פול מיט רעליגיעז-נביאישן פּאַטאָס, געשטויסן דורך רעליגיעז-עטישע טענדענצן, וועלכע זענען אומענדליך און איבערצייטליך. זיי נעמען אָבער בלויז אָן צייטליכע פאָרמען, וועלכע מוזן שטיין אונטערן ליכט פונעם אומענדליכן. דער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם מוז זיין קודם כל אַ קאַמף פאַר גערעכטיגקייט, אַ קאַמף קעגן דאָס חיה'שע אינעם קאַפּיטאַליזם, קעגן דעם קאַפּיטאַליזם וואָס איז אַ פאַרלייקענונג און אַ צעשטערונג פון מענטשליכקייט, און נישט בלויז ווייל ער איז היסטאָריש און עקאָנאָמיש אַלס פּראָדוקציעס-סיסטעם פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. אויב בלויז דאָס זאָל זיין דער אימפּולס צום קאַמף, קען זיין מעגליך, אַז דער פּראָלעטאַריער וואָס איז אַנגעשטויסן זיך צו באַטייליגן אינעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם, געהעצט דורך דעמאַגאָגן וועלכע ווייזן אים אָן אַ וועג וואָס זאָל, מכלומרשט, פירן צו דער באַנייאונג פון דער פּראָדוקציעס-סיסטעם, וואַרפט זיך דאַן אַריבער אין דעם רעאַקציאָנערן לאַגער: פונקט זייענדיג "דערוואַרטנידריק" [אַזוי געדרוקט אינעם מקור; דער זין איז נישט קלאָר] פון קאַמפּס-פּלאַן, אַפילו דער סיסטעם זאָל זיין אין סתירה צו די מענטשליכע עטישע פּרינציפּן, ווי דאָס איז אינעם פאַל פונעם פאַשיזם פון אַ היטלער, מוסאָליני און אַנדערע. ווייל מען האָט דאָך אַראָפּגעוואָרפן פון אים די עטישע אחריות פאַר דער וועלט.

אַנדערש איז אָבער, ווען מען ווערט געשטויסן דורכן רעליגיעז-עטישן פּאַטאָס, דורך דער איבערצייגונג, אַז דער קאַפּיטאַליזם, און אַ פּשיטא שוין דער פאַשיזם, שטייט אין

סתירה צו די אייביגע, אומענדליכע עטישע טענדענצן. ווען ער האט דעם שטארקן גלויבן, דעם גלויבן אין די העכסטע איבערצייטליכע ווערטן, וועט ער עס קיינמאל נישט פארטוישן אויף צייטליכע ערדישע נוצן.

דער קעמפער פאר דער ענדערונג און איבערבויונג מוז זיין אין דעם א פראקלאמאציע, א תיקון פארן לעבן, א שטרעבונג צו אויפבוי. נישט בלויז א רעטונג פונעם אונטערגאנג, נאר קודם כל אלס דער תיקון פונעם לעבן. ווייל די בלויזע רעטונג פונעם אונטערגאנג ווערט באגלייט מיט צעשטערנדע און חורבן-מאכנדיגע דערשיינונגען, געשטויסן דורך יאוש און אומגלויבן אינעם מענטשליכן שאפונגס-כח. דערפאר, ווי שוין געזאגט, איז דער קאמף פארן סאציאליזם נישט בלויז א קאמף פאר דער פראלעטארישער באפרייאונג, נאר קודם כל דער קאמף פאר דער באפרייאונג פון דער מענטשהייט.

דער פראלעטאריאט איז נאר דאס מערסטע בארופן צו זיין דער קעמפער פאר דער באפרייאונג, ווייל ער ליידט דאס מערסטע אין דער היינטיגער געזעלשאפט.

שטענדיג זענען די קעמפער געווען די ארימסטע פונעם פאלק. ווי עס קומט צום אויסדרוק דורך דער לעגענדע, אז די וועלט שטייט, האט א קיום, א דאנק די ל"ו צדיקים, און זיי זענען עס די וועלט אויסצולייזן. קיין "ל"ו'ניק" האט, לויט דער דערציילונג פון דער אגדה, נישט געקענט אויסזען אנדערש ווי א וואסערטרעגער, האלץ-העקער, שניידערל, שוסטערל און אזוי ווייטער. שטענדיג דער הארעפאשניק, און קיינמאל נישט דער "שיינער איד", קיינמאל נישט דער רייכער. פונקט אזוי איז עס היינט מיטן פראלעטאריאט לגבי דער סאציאלער באפרייאונג.

פונקט אזוי ווי דער "אתה בחרתנו" פונעם אידישן פאלק, וועלכער איז באמת נאר אן "אתה בחרתנו" פון נעמען אויף זיך די דערלייזונגס-אויפגאבן, וועלכע דריקט זיך אויס ווי דער נביא זאגט: "מי יתן כל עם ה' נביאים", א פאלק פון בלויזע נביאים. און נביא, ווייסן מיר דאך, הייסט דער קאמף פאר אבסאלוטן צדק און יושר, פאר דעם "והיה באחרית הימים", פאר דער אבסאלוטער באפרייאונג פון אלע מענטשן און אפילו פון מיטלעבנדיגע חיות. דער נביא מוז קעמפן פארן בעסערן, מוז קעמפן פארן צדק המוחלט.

אזוי מוז אויך דער פראלעטאריער פארשטיין זיין אויפגאבע. ער מוז נעמען אויף זיך די וועלטס-מיסיע פון דער באפרייאונג פון דער מענטשהייט, נישט בלויז אין מאטעריעלן זין, נאר אויך באפרייאונג צוליב גייסטיגע ווערטן, וועלכע ווערן דעפארמירט אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט; באפרייאונג פון גייסטיגער קנעכטשאפט, פון וועלכער אויך דער קאפיטאליסט ליידט.

אין דער איבערבויונג פון דער היינטיגער געזעלשאפט אויף א סאציאליסטישער מוזן מיר שפילן די ראל פון קינסטלער. ווי איך האב שוין דערמאנט, אינעם ערשטן קאפיטל, ווען איך האב געברענגט דעם ציטאט פון בערגסאן, אז פונקט ווי דער קינסטלער קען דערגרייכן זיין גייסטיגע וועלט דורכן רעאלן שאפן, ווייל ער ענדערט זיך אונטערן

אימפולס פון דעם לעבן דורכן ווערק וואס ער האט ארויסגעארבעט, אזוי אויך ווירקט די רעאלע שאפונג, די איבערבויונג פון דער גזעלשאפט אויף א בעסערער, א שענערער, אויף אונזער גייסטיגער שטייגערונג און פארפולקאמונג. אפילו היינט צו טאג, ווי שוין געזאגט, איז דער סאציאליזם די קאנקרעטיזירונג פון די אינערוויינגסטע עטישע באגערן, געשטויסן פון די אבסאלוטע תורה-טענדענצן; בלויז דער וועג צום אבסאלוטן, אלס די דערנענטערונג צום אין-סוף.

פונקט אזוי איז אויך משיח'יזם נישט בלויז א בענקשאפט צו א תקופה פון אן אוממעגליכן מענטשליכן שאפן. ווייל מיר דארפן נישט ווארטן אויף משיח'ן, נאר מיר זענען מחויב צו ברענגען משיח'ן, און נישט זיצן בחיבוק ידיים און ווארטן אז ער זאל קומען.

איך געדענק נישט וואו איך האב עס געזען, אז דער פשט פון "כל ימי חייך להביא ימות המשיח" באדייט: אלע דיינע לעבנס-טעג זאלסטו זען דיך פארברייטן צו ברענגען משיח'ן. ווייל אין דעם באשטייט דער אונטערשייד צווישן דעם אידישן משיח'יזם און אן אנדערן. ביי אנדערע קומט משיח פון אויבן אראפ, און ביי אונז פארקערט, מיר מוזן אים דערהייבן פון אונטן אין דער הייך. נישט צו דער דערווארטונג פונעם אראפקומען פונעם הימלישן אויף דער ערד, נאר דערהייבן דאס ערדישע.

דער רמב"ם ז"ל שרייבט להלכה (מלכים פ"ב ה' י"ב) [דער מקור-ציון איז אזוי געדרוקט אינעם מקור]:

"אל יעלה על לב האדם שבימות המשיח יבטל דבר ממנהגו של עולם, או יהיה חדוש במעשה בראשית", "ואין בין עולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד", "ובאותו זמן לא יהיה, לא רעב ולא מלחמה", "והטובה תהיה משפעת, הרבה מעדנים מצויין כעפר".

דאס הייסט, זאל דער מענטש נישט מיינען, אז אין דער משיח'ישער צייט וועט פארקומען עפעס איבערנאטירליכס. ווייל צווישן דער היינטיגער ארדענונג און דער משיח'ישער איז נאר דער אונטערשייד אין דער אונטערדריקונג. אין דער משיח'ישער צייט וועט נישט זיין קיין אונטערדריקונג, נישט קיין מלחמות און נישט קיין הונגער, און אלע נאטור-רייכטימער וועלן זיין גלייך פאר אלע. דער רמב"ם ז"ל האלט אזוי ווי שמואל (שבת ס"ג): "ולשמואל כל מה שנבאו הנביאים לישראל ביעודם הבלתי טבעיים, לא נבאו אלא לימות עולם הבא ולא לימות המשיח".

ווי מיר זעען, האבן די חז"ל אנגעצייכנט צוויי שטאפלען אין דער צוקונפטיגער געשטאלטונג. די ערשטע איז די ימות המשיח. ווי איך האב שוין אנגעוויזן, באשטייט זי אין דער איבערבויונג פון דער געזעלשאפט אויף א סאציאל-יושר'דיגן אופן. דער צווייטער שטאפל איז די ימות עולם הבא, די גייסטיגע שטייגערונג, די גייסטיגע השתלמות, וועלכע קען נאר זיין מעגליך דורכן וועג פונעם ערשטן שטאפל, דורך די ימות המשיח. דאס מיינט, ווי שוין געזאגט, נישט בלויז ראמאנטישע ליבע צו דערלייזונג, נאר שטענדיגער קאמף פאר גערעכטיגקייט; קעגן גייסטיגער באהערשונג,

פאר גייסטיגער דערהויבונג; קעגן מענטשליכער דערנידערונג, פאר מענטשליכער באפרייאונג.

מיר רעליגיעז-עטישע סאציאליסטן זאגן נישט, אז ס'איז אבסאלוט אויסגעשלאסן, אז דער סאציאליזם וועט קומען דורכן בלוטיקן אויפברויז. ניין!

מיר זאגן נאר, אז מיר אלס מענטשן, אלס יצרני ההויה, ווילן מיט אונזער שטארקן ווילן, אז דער סאציאליזם זאל קומען אלס א פראדוקט פון פלאנמעסיגער און ציל-באוואוסטער שטרעבונג.

ס'איז פארהאן אן אגדה וואס זאגט: משיח וועט קומען בדור שכולו זכאי, אדער וועט ער קומען בדור שכולו חייב. דאס הייסט, געטראגן פון צער און צארנדיגע שטורמען, איבער טייכן בלוט, איבער די חורבות פון שטעט און לענדער, און גרויס וועלן זיין די חבלי משיח. אבער אך און וויי איז אונז אזא ישועה. דערפאר רופן מיר צו אלע וועלכע טראגן דעם נאמען מענטש: דערפילט אייער רעליגיעז-מענטשליכן חוב און באטייליגט זיך אקטיוו פאר דער מענטשליכער באפרייאונג, פאר א בעסערער צוקונפט, פארן סאציאליזם.

# דער רעליגיעז-עטישער סאציאליזם און די אפיציעלע ארטאדאקסיע

## I

אינעם קאמף פארן רעליגיעז-עטישן סאציאליזם טרעפן מיר זיך מיט דער אפיציעלער ארטאדאקסיע, מיטן קלעריקאליזם אלס די שטערונג, אלס דאס נעגאטיווע, אלס דאס אנטאגאניסטישע צום רעליגיעז-עטישן סאציאליזם. דערפאר מוזן מיר אויפן וועג פונעם רעליגיעז-עטישן סאציאליזם פירן דעם קאמף קעגן קלעריקאליזם.

מיר מוזן אבער שוין אונטערשטרייכן, אז ווען מיר זאגן קאמף קעגן קלעריקאליזם, מיינען מיר נישט אזוי ווי ער ווערט פארשטאנען דורך די מארקסיסטן, וועלכע שטעלן גלייך רעליגיע מיט קלעריקאליזם. קאנסעקוועגט ארויסגייענדיג פון דער דיאלעקטיש-מאטעריאליסטישער וועלט-אנשויונג, באקעמפן זיי די רעליגיע און דעם קלעריקאליזם "בנשימה אחת".

מיר דערקעגן פירן דעם קאמף קעגן קלעריקאליזם דורך דער דערהויבונג, פארשענערונג און פארטיפונג פון דער רעליגיע, ווען מיר שיילן זי ארויס פון דער קלעריקאליסטישער שלעפ, וועלכע איז אומבאדינגט שעדליך.

דער קלעריקאליזם, אלס די גראב מאטעריאליסטיש-פעטישיסטישע וועלט-אנשויונג פון דער רעליגיעז-בירגערליכער רעאקציע, מאנאפאליזירט די רעליגיע און נוצט זי אויס פאר זייערע קאפיטאליסטישע פריוואטע צוועקן, פאר זייערע פריווילעגירטע קלאסן-אינטערעסן, וואס טראגט מיט זיך א דערנידערונג און פראפאנאציע פון אמת'ער רעליגיע.

דער קלעריקאליזם איז אנטאגאניסטיש צום רעליגיעז-עטישן סאציאליזם, ווען ער גייט ארויס פון די פאלגנדע הנחות:

זיי גייען ארויס פונעם עיקר הנצחיות של תורה און לעגאליזירן די קאפיטאליסטיש-בירגערישע ארדענונג, וועלכע טיילט איין די מענטשהייט אויף אונטערדריקטע און באדריקער, אויף רייכע און ארימע, אלס די מכלומרשטע פארם וואס ווערט אנגעוויזן אין דער תורה. זיי ברענגען דעם פסוק פון דער תורה "לא יחדל אביון מקרב הארץ" און אנדערע פסוקים, וועלכע באווייזן מכלומרשט, אז די תורה איז באזירט אויף א קאפיטאליסטישער ארדענונג. און ווייל די תורה איז דאך א נצחיות, מוז ממילא שטענדיג הערשן א קאפיטאליסטישע ארדענונג. דערפאר מוז מען "מדאורייתא" זיין א קעגנער פונעם סאציאליזם.

און פון נאך א מכלומרשטן רעליגיעזן שטאנדפונקט לעגאליזירן זיי זייערע רויבערישע אפעטיטן. זיי זאגן, ווייל מיר גלייבן, אז אלץ איז פון ג-ט, איז דאך ממילא, אויב ג-ט וויל אז ס'זאל אזוי זיין, וואס קען דען דער מענטש אויפטון? דערפאר מוז זיין אזוי ווי ס'איז, און דער מענטש דארף גארנישט ענדערן, ווייל ער קען גארנישט ענדערן.

דער קלעריקאליזם שטעלט אזוי ארום פאר א שלעכט פארשטאנענע, א געפעלשטע רעליגיעזיטעט. געפעלשט דורך א טייל באוואוסטזיניג און דורך א גרויסן טייל נישט באוואוסטזיניג.

מיר רעליגיעז-עטישע סאציאליסטן זאגן: אדרבה! ווייל די תורה איז א נצחיות, ווייל זי איז געגעבן געווארן עד אין-סוף, און פון דער צווייטער זייט דערקענען זענען די עקאנאמישע פארמען פון דער געזעלשאפט נישט קיין אבסאלוטע, ווייל זיי טוישן זיך אינערהאלב דעם פראצעס פון דער מענטשליכער אנטוויקלונג, דערפאר טארן מיר נישט צוזאמענבינדן די תורה מיט וועלכער ס'איז עקאנאמישער סטרוקטור פון דער געזעלשאפט, ווי די רעליגיעז-בירגערליכע רעאקציאנערן טוען עס צוליב זייערע קלעריקאליסטישע צילן, ווען זיי דערקלערן, אז די תורה איז פאר א קאפיטאליסטישער ארדענונג, פאר פריוואטן אייגנטום.

קיינער וועט דאך נישט אפלייקענען, אז די עקאנאמישע פארמען האבן זיך שוין פיל מאל געטוישט, און טוישן זיך ווייטער אין צוזאמענהאנג מיט זייער אנטוויקלונג. דערפאר איז דאס וועלן לעגאליזירן די קאפיטאליסטיש-רויבערישע ארדענונג אלס די מכלומרשטע פארם וואס ווערט אנגעוויזן אין דער תורה, און אז די תורה זאל מכלומרשט זיין קעגן א סאציאליסטישער פארם, ממש א כפירה בעיקר הנצחיות של תורה.

דערפאר, ווי מיר האבן שוין אויבן אנגעוויזן, דערקלערן מיר טאקע, אז מיר בינדן נישט צוזאמען דעם סאציאליזם מיט דער אבסאלוטקייט פון דער תורה. סאציאליזם איז פאר אונז נאר א באגרעניצטע היסטארישע ענדערונג, א באדינג פאר עפעס העכערס אינעם לעבן, אויפן וועג ערשט צום העכסטן.

דער קאמף פונעם רעליגיעז-עטישן סאציאליזם קעגן קלעריקאליזם, מיט זיין שוין דערמאנטער פאלש-צביעות'דיגער רעליגיעזיטעט, איז היינט צו טאג א היסטארישער קאמף. פונקט אזוי היסטאריש ווי דער קאמף פון רבי סעדיה גאון קעגן ענן בן דוד, קעגן די קאראאים, וועלכע האבן אויך געזען אין דער תורה נאר טויטע אותיות, נישט מער ווי דאס ווארט אליין. ווי זיי האבן עס געטון מיטן פסוק (שמות ל"ה ג'): "לא תבערו אש בכל משבותיכם ביום השבת". זיי האבן געלערנט, אז ס'טאר זיך בכלל נישט ברענען קיין פייער אין שבת, און זיי זיצן טאקע שבת אין דער פינצטער און קעלט. דערפאר האבן די תלמודיים ריכטיג געזאגט (קידושין מ"ט): "המתרגם פסוק כצורתו הרי זה בדאי".

אין דער תורה זענען פאראן געזעצן, וועלכע טיילן זיך אויף "מצוות שכליות" און "מצוות מעשיות".

די "מצוות שכליות" באציען זיך אויף "בין אדם לחברו", און די "מעשיות" אויף "בין אדם למקום". זייער אויפגאבע איז צו רעגולירן דאס מענטשליכע לעבן, כדי דער מענטש זאל דערגרייכן זיין שלמות, זיין פולקאמענהייט, וועלכע צילט צום אין-סוף, צום אבסאלוטן.

די געזעצן פון דער תורה זענען נישט קיין טויטע טענדענצן. ווייל צווישן זיינע ערשטע הלכות, אין "הלכות יסודי התורה", זאגט שוין דער רמב"ם: "הכל לפי דעתן של אדם, דברה תורה כלשון בני אדם". דאס הייסט, אז די גאנצע תורה אין איר ווארטליכער פארם איז געבויט לויט די באגרעניצטע השגות פונעם מענטש. די ווארטליכע פארם פון דער תורה איז לויט דער מענטשליכער שפראך. דערפאר איז דאך פארשטענדליך, אז די טענדענצן פון דער תורה אלס נצחיות, אלס אבסאלוטע, וועלכע פליסן ארויס פון די ווארטליכע פארמען, קענען נישט ווערן גלייכגעשטעלט מיט דער מענטשליכער שפראך, וועלכע איז פונקט ווי דער מענטש נאך נישט אבסאלוט, נישט פארפולקאמט. די מענטשליכע שפראך איז געוועגליך באזירט אויף פעלן און בלויזן. למשל, א דאנק דער שפראך, וועלכע באהערשט דעם מענטשליכן געדאנק, איז דער מענטש געוואוינט צו דענקען, אז אויב ס'איז דא א ווארט, מוז זיין אויך א באגרייפליכע זאך. למשל, זאגט מען א טיש, דערטאפט מען א טיש; זאגט מען שווארץ, זעט מען שווארץ; זאגט מען לופט, דערפילט מען לופט, און אזוי ווייטער. דערפאר איז דער מענטש, להיפך, אין פלוג נישט געוואוינט צו באקומען א ווארט וואס זיין סובסטאנץ קען ער נישט באגרייפן, נישט דערטאפן. און ווייל ער באגרייפט עס נישט, זאגט זי אים נישט אנדערש ווי נישט צו גלייבן דערין, ווי דאס איז מיטן ווארט ג-ט. "ס'איז דאך קלאר, אז שפראך אין אלע אירע אנטוויקלונגען פירט אונז כלל נישט אריין אין דער אינערוויינגסטער אטמאספער פון זאכן אין זייער אבסאלוטן וועזן".

"אויב דער מענטש איז פארט דערגאנגען צום ווארט אלס אויסדרוק און ער שטעלט זיך דערמיט צופרידן, איז עס געקומען בלויז פון זיין גרויסן פחד צו פארבלייבן אפילו א מינוט פנים אל פנים מיט יענעם פינצטערן 'כאאס', מיט יענער אפענער 'בלימה' אן א מחיצה. 'כי לא יראני האדם וחי' (א מענטש קען מיך נישט זען און לעבן בלייבן). יעדע ריר פון א ווארט האט אין זיך עפעס וואס דינט אלס 'צודעק' פאר א טייל פון 'בלימה'. דאס ווארט אלס שאלאכטל האט איינגעשלאסן אין זיך א פינצטערן טראפן פונעם אייביגן 'איך ווייס נישט'. קיין ווארט אנטהאלט נישט אין זיך קיין ענדגילטיגע אויפקלערונגען פון א פראגע. זיין פונקציע איז צו פארדעקן" (ח. נ. ביאליק אין זיין עסיי "גלוי וכסוי בלשון"). די נביאים, חכמי התלמוד און די גאונים האבן טאקע געזען אין די ווערטער געדאנקען, וועלכע שטייגן ווייט אריבער און זענען פיל מאל גרעסער ווי דאס ווארט אליין. זיי האבן געזען אין יעדן געזעץ פון בין אדם לחברו נישט טויטע געזעצן, נאר לעבעדיג באוועגנדיגע טענדענצן. א טענדענץ איז נישט קיין אפגעשלאסענע זאך. א

טענדענץ וואס שטרעבט צו דערגרייכן א געוויסן ענד-ציל, מוז זיך אינעם פארלויף פון איר אנטוויקלונג פארעמען, דורכן כסדר אויפנעמען וואס אמאל מער סכומים. אין איר כסדר'דיגער פראגרעסיווער אנטוויקלונג ווערט זי וואס אמאל מער קוואנטיטאטיוו. די קוואנטיטעטן גייען איבער אין אנדערע קוואליטעטן. מיט דער צייט, ווען די טענדענץ נעמט אויף א גרעסערן סכום, פארבייט זי איר קוואליטעט. דאס הייסט, אז זי מוז ענדערן איר סטרוקטור, איר פארם, און אזוי ארום ווערט זי א מאל א לובש צורה ופושט צורה.[3]

אויב צום ביישפיל שטייט אין דער תורה ביי אן עבד, אז מען האט אים אלס שטראף דורכגעבויערט דאס אויער דערפאר, ווייל נאך די זעקס יאר האט ער ווייטער געוואלט זיין אן עבד, דאס הייסט, די שטראף איז דאן געווען קעגן וועלן זיין אן עבד נאך זעקס יאר, מיינט דאס אבער נאך נישט, אז ס'מוז בכלל עקזיסטירן עבדות פון איין מענטש צום צווייטן. ניין! די טענדענץ איז, אז ס'זאל בכלל נישט זיין קיין עבדות. ווי די חז"ל זאגן (קידושין כ"ב): "כי לי בני ישראל עבדים ולא עבדים לעבדים". אויב די טענדענץ האט זיך דאן אפגעשטעלט בנוגע עבדות בלויז נאך זעקס יאר, איז עס דערפאר, ווייל ס'איז דעמאלט געווען א גרעסערער סכום פון דער אלגעמיינער טענדענץ. אבער היינט צו טאג דארף און מוז די טענדענץ זיין אין אן אנדערן סכום, כדי מיר זאלן דערפירן צו איר ענד-ציל, צו דער אבסאלוטער אפשאפונג פון עקספלאטאציע און באהערשונג פון איין מענטש איבערן צווייטן. אזוי זעען מיר ביי אלע נביאים, ביי ירמיה, ווי ער שרייט ארויס בנוגע דעם קולט פון קרבנות: "איך האב זיי אייך נישט באפוילן צו ברענגען". ער האט אזוי אויסגעשריגן טראץ די גאנצע פרשיות פון קרבנות. ווייל ער האט געזען אין די אלע ווערטער און סימבאלן טענדענצן, וועלכע דריקן זיך אויס, ווי ער אליין שרייט ארויס: "אין רעכט און גערעכטיגקייט, ליבע און רחמנות, אמת'דיגקייט און ריינהייט". אזוי האבן אלע נביאים געזען אין די ווערטער פון דער תורה טענדענצן, וועלכע שטייגן ווייט אריבער די אנגעצייכנטע געזעצן. פונקט אזוי האבן עס אויך פארשטאנען די תלמודיים, ווי עס קומט בולט צום אויסדרוק אין סנהדרין ט', ווען זיי ברענגען דעם פסוק (ויקרא כ"ד ב'): "שבר תחת שבר, עין תחת עין, שן תחת שן, כאשר יתן מום באדם כן ינתן בו". זיי האבן געלערנט להלכה, אז טראץ דעם וואס די ווערטער מיינען, אז ווען איינער האקט ארויס דעם צווייטנס אויג, אדער ער מאכט אים וועלכן ס'איז אנדערן פעלער, קומט דעם שעדיגער צו טון דאס זעלבע, דאס הייסט, ארויסצונעמען אים אן אויג אדער דאס גלייכן, ווי ס'האט זיך טאקע אזוי פראקטיצירט ביי די דעמאלטיגע פארהעלטענישן, האבן זיי פונדעסטוועגן פארשטאנען אין זייער צייט, ווען די טענדענץ פון גערעכטיגקייט האט דערגרייכט פיל גרעסערע סכומים, אנדערש צו פארשטיין די זעלבע ווערטער: "ממון", געלט-באשטראפונג. ווען דער תנא רבי אליעזר זאגט, אז "עין תחת עין" מיינט מען טאקע "עין ממש", פרעגן זיי אים מיט פארוואונדערונג: "ממש קא סלקא דעתך".[4]

דאס זעלבע זעען מיר אויך מיטן פסוק (שמות כ"א כ"ט): "השור יסקל וגם בעליו יומת". די חז"ל האבן געלערנט, אז מיט דעם "יומת" מיינט מען "בידי שמים". דאס איז דערפאר, ווי שוין געזאגט, ווייל זיי האבן געזען, אז אין יעדן ווארט זענען פאראן פיל סכומים פון געדאנק, וועלכע זענען כסדר'דיג. מיט דער צייט קענען זיי מער ווערן פארשטאנען, און ממילא מוזן זיי מער ווערן פארווירקליכט, די חכמי התלמוד האבן, נישט אזוי ווי די קראימער, געזען אין יעדער מצוה פון בין אדם לחברו, אין יעדן ווארט פון דער תורה, א טענדענץ וואס האט אין זיך פיל סכומים, וועלכע קענען וואס אמאל מער ווערן פארשטאנען, און ממילא וואס אמאל מער ווערן פארווירקליכט, לויט די אויסערליכע אומשטענדן, ווי צייט און ארט. און ווייל די סכומים, אויף וויפיל די טענדענץ זאל זיך ארויסווייזן, זענען אפהענגיג פון די אויסערליכע אומשטענדן, זעען מיר טאקע אזעלכע שטעלן און פאלן, ווי די חכמי התלמוד האבן אנגענומען תקנות וואס זעען אויס צו זיין להיפך צו דער טענדענץ, ווי צום ביישפיל: "הלל תקן פרוזבול", און אזוי ווייטער. דאס איז ווייל די אומשטענדן זענען דעמאלט געווען אזעלכע, אז זיי האבן צוריקגעשטויסן די סכומים קרעפטן וואס די טענדענץ איז כולל. דאס הייסט אבער נישט דערלאזן זייער רעגרעס, ווייל מען איז מחויב מיט דער צייט, ווי ווייט מעגליך, זיי צו דערפירן צו זייער ענד-ציל.

ווען ס'געפינט זיך אין דער רעליגיעזער ליטעראטור אזעלכעס וואס זעט אויס צו זיין א רעאקציע בנוגע דעם ברידערליכקייטס- און פרייהייטס-געדאנק, איז עס נאר געווען א צייטווייליקער מוז. פונקט אזוי ווי א טייל ווילן אנווייזן אויפן מאמר חז"ל: "טוב שבגוים הרוג", דערמיט צו באווייזן די רעאקציע פון די חז"ל. זיי ווילן נישט פארשטיין, אז ווען מען האט געלעבט אין אזא צייט צווישן די שרעקליכע טיראנען, די רוימער, וועלכע האבן פאר אזא עבירה ווי לערנען תורה, דאס הייסט, פאר וועלן פארשטיין ג-ט, מענטש און וועלט אנדערש ווי די טיראנען האבן פארשטאנען, ארויסגעפירט רבי עקיבא מיט זיינע תלמידים אויפן מארק, און מיט אייזערנע קאמען געריסן לעבעדיגערהייט זייער פלייש, איז דען א וואונדער, אז א חבר אדער א תלמיד פון רבי עקיבא, וואס האט איבערגעלעבט אזעלכעס, האט געזאגט דאס איבערדראמאטישע? דארף מען דען ספעציעל אנווייזן אויף זייער הומאניטארער באציאונג נישט בלויז צום מיט-מענטש, נאר צו אלע אנדערע מיטלעבנדע חיות, וואס איז אזוי פיל מאל דערמאנט אין תלמוד, כדי צו פארשטיין, אז דאס איז נאר געווען א צייט-רעאקציע? ווייל ווען נישט, וואלט עס דאך געווען א שפיי אין פנים, כביכול, צו אלע טענדענצן פון תורה און נביאים.

דער תלמוד אליין זאגט אין פיל שטעלן (פסחים ג', תענית י"ד, ב"מ מ'): "הכל לפי המקום והכל לפי הזמן". דערפאר האבן זיי אויך געזאגט: "דברים שבעל פה אי אתה רשאי לאמרם בכתב". ווייל זיי האבן געזען אין דער תורה טענדענצן וואס זענען בלויז געדאנק און געדאנק. "מחשבה איז ווי דער אמורי פון א רינגל, ער האלט זיך אין איין באוועגן" ("לקוטי מוהר"ן") [דאס ווארט "אמורי" איז אזוי געדרוקט אינעם מקור; דער זין איז נישט קלאר]. דערפאר קען מען זיי נישט איינשליסן אין ווערטער וואס קענען ווערן פארשטיינערט. אויב זיי ווערן פארשטיינערט, דערגרייכן זיי נישט זייער ציל.

אבער ליידער, און שוין ווייטער צוליב אויסערליכע צייט-רעאקציע, צוליב די שרעקליכע פארפאלגונגען וואס זיי האבן דעמאלט געדארפט אויסשטיין פון די טיראנען, האט די תורה שבעל פה געמוזט ווערן פארשריבן. נאכדעם וואס די חכמי התלמוד האבן געטון אלץ וואס זיי האבן געקענט כדי זי נישט צו פארשרייבן, כדי נישט צו מאכן פון איר א תורה שבכתב, האבן זיי זי פארשריבן נאר דערפאר, כדי זי זאל נישט אינגאנצן פארלוירן גיין. דערביי האבן זיי אויך געזאגט (ירושלמי ברכות פ"א דף ה'): "חמורים דברי סופרים מדברי תורה", און "העוסקין במקרא מדה ואינה מדה, ובמשנה מדה ונוטלין עליה שכר, גמרא אין לך מדה גדולה מזו".

פונקט אזוי האבן עס פארשטאנען אלע שפעטערדיגע גאונים און רעליגיעזע פילאזאפן, אז די תורה-געזעצן, וואס זענען דאך א נצחיות און באזירט אויפן אבסאלוטן, זענען טענדענצן וואס האבן א געוויסן ציל.

מיר זעען עס אינעם פילאזאפישן טראקטאט פונעם רמב"ם, "מורה נבוכים", ווי ער באגרינדעט די טעמי המצוות, ווי קרבנות, מילה און אלע שכליות. ווי עס רעדט זיך וועגן אנטראפאמארפיזם פון ג-ט, און אזוי ווייטער, באמיעט ער זיך צו באווייזן זייערע טענדענצן, וואס פליסן ווייט, ווייט אריבער די ראמען פונעם ווארט.

שפינאזא ברענגט אין זיין פאליטיש-טעאלאגישן טראקטאט די פאלגנדע שטעל פון "מורה נבוכים" (חלק ב', פרק כ"ה):

"כי אין ברחתנו מן המאמר בקדמות העולם מפני הכתובים אשר באו בתורה בהיות העולם מחודש, כי אין הכתובים המורים על חדוש העולם יותר מן הכתובים המורים על היות ה' גשם, ולא שער הפירוש סתומים בפנינו, ולא נמנעים לנו בענין חדוש העולם, אבל היה אפשר לנו לפרשם, כמו שעשינו בהרחקת הגשמות". דאס הייסט, מיר שטעלן זיך נישט אפ צו זאגן, אז די וועלט איז געווען פון אייביג אן, מחמת דעם וואס די שטעלן פון דער תורה ווידערשפרעכן דאס. ווייל די שטעלן וואס לערנען אז די וועלט איז באשאפן געווארן, זענען נישט גרעסער אין צאל ווי די שטעלן וואס לערנען אז ג-ט איז קערפערליך. דער צוגאנג צו דער דערקלערונג פון די שטעלן וואס באהאנדלען די באשאפונג פון דער וועלט, איז נישט פארשלאסן, נישט פארבאטן, נאר מיר וואלטן זיי געקענט דערקלערן פונקט אזוי ווי מיר האבן דאס געטון ווען מיר האבן אוועקגענומען פון ג-ט זיין קערפערליכקייט. ווען שפינאזא ברענגט די שטעל, פאלט ער שטארק אן אויפן רמב"ם, און באשולדיגט אים אין א נישט-לאגישער אויסגעלאסנקייט: צו נעמען ווערטער און זיי אנדערש אויסטייטשן.

און דא מוזן מיר זאגן: קליין ביז גאר איז דער שפינאזא פונעם "פאליטיש-טעאלאגישן טראקטאט", ווי ער באווייזט זיך אין א טענדענציעז-פאלעמישן לבוש, קעגן דעם גרויסן שפינאזא פון "עטיק". דער רמב"ם האט ריכטיג אנגענומען די אנווייזונגען פון די נביאים און תלמודיים, אז די תורה איז א נצחיות, ווייל זי אנטהאלט שוין "כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש". פונקט ווי זיי האט ער געזען אין יעדן פינטעלע פונעם געשריבענעם ווארט

געדאנקען, וועלכע שטייגן אריבער, באוועגן זיך, און פארעמען זיך ביז צום אין-סוף. ווי די תלמודיים דריקן זיך אויס: "על כל קוץ וקוץ תלי תלי של הלכות". און ווי דער גרויסער רעליגיעזער פילאזאף רבי יוסף אלבו ברענגט אין זיין ספר "העקרים" (מאמר ג', פרק כ"ג): "לכן לא נתנו התורה שבעל פה בכתב, שאי אפשר שתספיק לכל הזמנים, כי על כן נתנו למשה כללים כדי שהחכמים יוציאו מהם בכל דור ודור דברים המתחדשים".

וואס אנבאלאנגט לאגישע אויסגעלאסנקייט בנוגע דער ווארטליכער אינטערפרעטאציע, ווייסן מיר גאנץ גוט, אז אין דער שפראך, וואס איז צוגעפאסט נאר פארן מענטשליכן געברויך, מוזן די זעלבע ווערטער פיל מאל ווערן אנדערש פארשטאנען, ווען זיי ווערן געברענגט אונטערן פילאזאפישן מיקראסקאפ. דעמאלט קומען די זעלבע ווערטער אויס אנדערש ווי ס'איז אנגענומען אינעם טאג-טעגליכן לעבן. נעמען מיר, למשל, די ווערטער מיט וועלכע די מענטשהייט באצייכנט פארבן, ווי רויט, שווארץ, בלוי. נעמט מען זיי אונטערן פילאזאפיש-וויסנשאפטליכן מיקראסקאפ, קומט אויס אז רויט איז נישט רויט, שווארץ נישט שווארץ, און אזוי ווייטער. נעמען מיר, למשל, די ווערטער מיט וועלכע די מענטשהייט באצייכנט מאטעריעלע קוואליטעטן, ווי האלץ, אייזן, וואסער, לופט, אונטערן פילאזאפיש-וויסנשאפטליכן מיקראסקאפ, קומט אויס אז ס'איז בכלל נישטא קיין באזונדערע קוואליטעטן. ס'איז נישט מער ווי קוואנטיטעטן.

אזוי וואלטן מיר נאך געקענט ברענגען פיל ביישפילן. א פשיטא שוין די תורה, וואס איז עד אין-סוף, קענען דאך אירע אבסאלוטע געדאנקען אודאי נישט ווערן איינגעשלאסן אין די ענגע ראמען פונעם ווארט. דער גייסט וואס פליסט ארויס פון די ווערטער, ווערט נישט געטראגן פון קיין אומשטענדן, באגרעניצט דורך צייט און ארט. ער גיט זיין באשטימטע אייגענע ריכטונג צו א באשטימטן ענד-ציל.

## II

אויב מיר האבן ביז איצט אנגעוויזן וועגן דער דינאמיק פון די תורה-געזעצן וואס ווערן פאררעכנט צווישן די מצוות שכליות, מוזן זיי אבער ווערן אנדערש פארשטאנען ווען ס'האנדלט זיך וועגן די מצוות בין אדם למקום. ווייל מיר זענען קענען יעדער מין רעפארם פון וועלכער ס'איז מצוה פון די מצוות מעשיות. די מצוות שכליות, בלויז אלס אבסטראקט-געדאנקליכע געזעצן, זענען פונקט ווי דער געדאנק אליין ממילא שוין דינאמיש.

אבער ביי די מצוות מעשיות זענען די מעשים גופא פון די מצוות נישט דינאמיש, נישט פארענדערליך. דערקעגן זענען די טענדענצן וואס פליסן ארויס פון די מעשים יא דינאמיש. כדי ריכטיג צו פארשטיין די אינטענצן פון די מצוות מעשיות, וועל איך זיך דא א ביסל אפשטעלן אויף זייער באדייט.

ווי מיר האבן אויבן אנגעוויזן, איז דער הויפט ציל פון רעליגיע די אהבת ה', דער מאנאטעאיזם, א ציל וואס שטרעבט ווייט, ווייט אריבער די ראמען פונעם מענטשליכן דענקען. פונדעסטוועגן פארלאנגט זיך אין די ראמען פון דער מענטשליכער באגרעניצונג א געוואלדיגע פארטיפונג. ס'איז אבער אוממעגליך צו דערקלערן דעם גאנצן המון פאר פילאזאפן. מיט פילאזאפישער פארטיפונג קענען זיך נאר אפגעבן יחידים. אבער דער המון, כדי אויך ער זאל האבן דעם ציל פאר די אויגן, כדי זיין באוואוסטזיין וועגן דער עקזיסטענץ פון איין ג-ט זאל וואקסן, מוז אנקומען צו סימבאלישע טאטן, וועלכע זאלן אנרעגן דעם געדאנק זיך צו באוועגן, צו טראכטן, צו דענקען.

פראפעסאר לאצארוס זאגט אין זיין בוך "ירמיה": "פארוואס ווירקן סימבאלישע האנדלונגען אזוי טיף? וואס האט זיי געגעבן אזא מאכט איבערן מענטש? דאס איז דערפאר: צום איינפאכן זען, צום איינפאכן בילד וואס מיר קוקן אן, א בילד וואס דויערט א סעקונדע, הייבט אן צו פליסן א מאסע געדאנקען וואס האבן צו אים א שייכות. אזוי איז דער פאל מיט יעדן סימבאל. דאס קומט דערפון וואס דער שווערער, צוזאמענגעדריקטער געדאנק שטעלט זיך אפ אויף א פאראיבערגייענדיגער דערשיינונג, און גראד דאס אומבאשטימטע, דאס רוישנדיגע פונעם געדאנקען-קנויל וואס שוועבט ארום דעם בילד, פארגרעסערט זיין איינדרוק".

דערפאר זענען די מצוות מעשיות די סימבאלישע טאטן וואס קומען דערמאנען דעם מענטש צו דענקען אין א געדאנקליכער ריכטונג. יעדער סימבאלישער איינדרוק באאיינפלוסט לויט זיין פארם דעם געדאנק. ווייל די מצוות מעשיות, אן און פאר זיך, זענען נישט א מתנה פונעם מענטש פאר ג-ט'ס וועגן, נאר קודם כל פארן מענטש'ס וועגן אליין, צוגעפאסט צו זיין אינטעלעקטועלער נאטור.

דערפאר זעען מיר אזא געוואלדיגן קאמף פון די נביאים קעגן דער מעכאניזירונג פון די מצוות, קעגן די "מצוות אנשים מלומדה". ווייל "מצוות צריכות כוונה", מצוות מוזן האבן אינטענציע. יעדע מצוה האט זיך איר געדאנקליכן ציל, א באוואוסטזיינס-ריכטונג.

דער רמב"ן זאגט: "אין גזירת מלך מלכי המלכים בשום מקום בלי טעם". ווייל דערמיט האבן זיך די אידן אונטערשיידן פון די געצנדינער.

"ס'איז פארהאן אן אונטערשייד צווישן די דערהויבענע אידישע און געצנדינערישע סימבאלן, אן אונטערשייד מיט וועלכן די פעלקער-פסיכאלאגיע וועט זיך נאך דארפן פארנעמען. דער עיקר חילוק באשטייט דערין: ביי די געצנדינער ווייסט נאר דער כהן די באדייטונג פונעם סימבאל, און קיינער אויסער אים טאר דאס נישט וויסן. ביי אונז פארקערט קומט דער סימבאל כדי צו מאכן קלארער די כוונה, די באדייטונג" (פראפעסאר לאצארוס, דארט).

די כוונות, די טענדענצן פון די מצוות מעשיות, זענען נישט קיין סטאטישע. די טענדענצן זענען, איך שטרייך אונטער: נאר זייערע פליסנדיגע טענדענצן זענען דינאמיש. דערפאר קען נישט איינצייטיג זיין גלייך די השגה פון צוויי מענטשן וואס זענען

פארשידן לויט זייער גייסטיגער מדרגה, וועגן דעם באדייט פונעם געדאנק פון וועלכער ס'איז מצוה פון די מצוות מעשיות. אן איד, למשל, וואס האט געלעבט אין רמב"ם'ס צייט, איז זיין השגה וועגן די טעמי המצוות זיכער נישט געווען די זעלבע ווי א רמב"ם האט געהאט וועגן זיי. ווייל די טענדענצן פון די סימבאלן זענען נישט ווי די סימבאלן אליין, אייביג אין דער זעלבער קוואליטעט, אייביג אין דער זעלבער קוואנטום. דערפאר זענען די טעמים פון די מצוות, די טענדענצן פון די מצוות, כסדר אנדערש אין פארשידענע צייטן און אין פארשידענע דורות. דערפאר זאגן טאקע די חז"ל, אז ווען משיח וועט קומען, ווען די יעודי הנביאים וועלן מקוים ווערן, ווי "ומלאה כל הארץ דעה כמים לים מכסים", וועלן די אלע מצוות בטל ווערן. ווייל זיי, די מצוות מעשיות, זענען נאר דערפאר, כדי אים, דעם מענטש וואס איז באגרעניצט אין זיין לאגיק, וואס קען נישט דענקען אן סימבאלישע אנרעגונגען, צו דערהייבן צו זיין אייגנטליכן ציל. אבער דאן, ווען דער "ומלאה כל הארץ דעה" וועט מקוים ווערן, ווען דער מענטש וועט נישט זיין באגרעניצט אין זיינע לאגישע קאטעגאריעס, וועט ער זיך קענען דערנעענטערן צום ציל אן די סימבאלישע טאטן, אן די מצוות מעשיות.

איינער פון די באגרינדער פון חסידות, דער "תולדות יעקב יוסף", נעמט אן דעם געדאנק פון די חז"ל, אז ווען משיח וועט קומען, וועלן אלע מצוות מעשיות בטל ווערן. ווייל דעמאלט, זאגט ער: "וועלן די מצוות נישט זיין איינגעוויקלט אין דעם מלבוש פון דער וועלט, נאר זיי וועלן באשטיין בלויז אין רוחניות". די מצוות אין זייער רוחניות'דיגער פארם וועלן פועל ווערן. דערפאר זאגט ער, אז ווען ס'וואלט היינט צו טאג מעגליך געווען צו געפינען א מענטש וואס איז צוגעקומען דערצו, וואלט ער געווען באפרייט פון די מצוות מעשיות. די זעלבע מיינונג ווערט געברענגט אין "מגיד מישרים", פרשת ויקהל: "בתר ימות המשיח, דעלמא יהא חרב מתאוות וכסופין דהאי עלמא, בזמנא דלא יצטרך לאכפאה סטרא אחרא מסאבא. דהא בטל יהא, אז יהא המצות בטלות".

אבער היינט צו טאג, ווי מיר האבן שוין אנגעוויזן, קען מען זיך נישט באגיין אן סימבאלישע אנרעגונגען. ליידער טוט דער המון די מצוות מעשיות, די רעליגיעזע סימבאלן וואס צילן צו גייסטיגער התרוממות, גלייכשטעלן מיט מאטעריעלע און נידריגע פארשטעלונגען. די סימבאלן גופא ווערן העכער אפגעשאצט ווי זייערע גייסטיגע טענדענצן צו וועלכע זיי צילן.

אבער טראץ דעם זענען די נביאים און אלע רעליגיעזע אויטאריטעטן קיינמאל נישט ארויסגעטרעטן פאר דער אפשאפונג פון די רעליגיעזע סימבאלן, נאר בלויז קעגן דער מעכאניזירונג, קעגן די "מצוות אנשים מלומדה". ווייל די מצוות זאלן אפילו זיין פארשטיינערט צווישן המון, איז אוממעגליך, אז פון זייערע הייליגע פארמען זאלן נישט ארויסשטראלן געוויסע אידעאלע אנרעגונגען פארן געדאנק, וואס זענען אים אומבאדינגט נויטיג.

ווי מיר זעען, זענען די סימבאלן אומבאדינגט נויטיג. אונטער אלע אומשטענדן מוזן מיר זיין אנטשלאסן קעגן יעדער זאך וואס קען ברענגען צום אונטערגאנג, אפילו צו א

טיילווייזער אפשוואכונג פון די מצוות מעשיות. דאס הייסט, מיר זענען קעגנער פון רעפארם.

ווען מיר קומען היינט צו טאג מיט אונזער רוף, קומען מיר נאר דערמאנען, פונקט ווי די נביאים אמאל, דעם "למה לי רוב זבחיכם אמר ה'", "הלא פרוס לרעב לחמך", און אזוי ווייטער. מיר קומען בלויז דערמאנען די טענדענצן פון די מצוות, סיי פון בין אדם לחברו, סיי פון בין אדם למקום. מיר זעען זיי געצויגן ווי א זיידענער פאדעם איבער דער גאנצער תורה אלס נצחיות בכלל, און איבער דער גאנצער רעליגיעזער ליטעראטור בפרט, וואס זענען אנגעפילט מיט צדק ויושר, מיט דער רעליגיעזער עטיק, וועלכע איז דער פארבאדינג אויפן וועג צו דער ג-ט-דערקענטעניש.

דער אידישער רעליגיע, ווי מיר האבן שוין אנגעוויזן, איז פרעמד יעדער מין צייטיגקייט. ווייל קעגן די אייביגקייטס-טענדענצן פון ג-ט'ס ווילן פארשווינדט אלץ וואס איז באגרעניצט אין צייט און אין ארט. דערפאר איז דאס וועלן גלייכשטעלן די תורה, אלס דעם רצון פון ג-ט, מיט צייט-פארמען און צייטיגע טענדענצן, א קעגנזאץ צו דער אידישער רעליגיע. דאס וועלן איינהאלטן ארימקייט, הונגער, נויט און די גאנצע ברוטאליטעט דורך אויסנוצן וועלכע ס'איז פסוקים, איז א שפיי אין פנים פון אלע רעליגיעז-עטישע תורה-טענדענצן, כביכול.

דערפאר איז דער אונטערשייד צווישן דעם רעליגיעזן סאציאליזם און די בירגערליכע קלעריקאליסטן דערין, וואס מיר פארשטייען די תורה-טענדענצן וואס פליסן ארויס פון די ווארט-פארמען און שטייגן ווייט אריבער זיי.

ס'וואלט געווען נאריש צו וועלן איינהאלטן ארימקייט, זיך פאררעדנדיג מיטן פסוק "לא יחדל אביון מקרב הארץ". ווייל פונקט אזוי וואלט מען געדארפט אנהאלטן די שקלאפעריי וואס ווערט דערמאנט אין דער תורה.

די חז"ל אליין דערמאנען טאקע, אז מיט דעם "לא יחדל אביון מקרב הארץ" מיינט מען "בזמן שאינם עושים רצונו של מקום". קומט אויס, אז די רעאקציאנערע ארטאדאקסיע וויל טאקע זיין פון די "אינם עושים רצונו של מקום". מיר דערקענען ווילן זיין פון די "עושים רצונו של מקום", און ווי די חז"ל זאגן, זיך גלייכשטעלן מיט "אפס לא יהיה בך אביון".

ביי אידן איז געווען פארשפרייט די מידה פון צדקה, וואס דריקט זיך אויס אינעם העלפן דעם ארימען, דעם שוואכן.

ווי גרויס די מצוה פון צדקה איז, איז געווען צו אנווייזן אויף וואס די חז"ל זאגן אין שבת קל"ט. דער רמב"ם פסק'נט לויט דעם להלכה אין "יד החזקה", הלכות מתנות עניים, פרק י', הלכה א': "חייבין אנו להזהר במצות צדקה יותר מכל מצות עשה".

דער "בעל התניא" זאגט אין סידור, שער התפלה: "עיקר גילוי שכינה אינה לא בתורה ולא בתפילה אלא דוקא בצדקה".

אבער וואס איז דאס אייגנטליך צדקה, אויב נישט דער סימבאל פון גערעכטיגקייט? ווי ס'הייסט טאקע דער ווארטליכער באדייט פונעם ווארט צדקה, ס'איז דער "צדק, צדק תרדוף".

אבער היינט צו טאג, ווען די וועלט איז איבערפולט מיט צענדליגער מיליאנען מענטשן וואס לעבן אין פיין, הונגער און נויט, קען קיין שום פילאנטראפיע נישט העלפן אויב מען פירט נישט איין דעם סאציאליזם, וואס גיט די מעגליכקייט צו לעזן דעם פראבלעם פון ארימקייט, לויט דעם אימפעראטיוו פון "צדק צדק תרדוף".

די קלעריקאליסטן דערקלערן פריוואטן אייגנטום אלס א הייליגקייט. און ווייל דער סאציאליזם קומט צעשטערן די הייליגקייט, זענען זיי דערפאר קעגנער פונעם סאציאליזם.

ס'איז דא נויטיג צו אנווייזן, אז היינט, ביי דער שטאפל פון אנטוויקלונג וואס דער קאפיטאליזם האט דערגרייכט, איז פריוואטער אייגנטום בלויז גזילה און רציחה. מיר האבן שוין אויבן אנגעוויזן אויפן מהות פונעם קאפיטאליזם מיט זיין פראפיט-געשעפט, און אז די קאפיטאליסטן דינען די עבודה זרה, דעם "עגל הזהב".

אויפצובויען הייליגקייטן מעג מען צעשטערן אפילו הייליגקייטן. מכל שכן נאך די ברוטאלע וועלט פונעם קאפיטאליזם, וואס איז אן עיר הנדחת, און דערפאר מוז מען זי דן זיין לשריפה. פונקט אזוי ווי אמאל אן עיר הנדחת, ווייל "כופין על הצדקה".

ליידער מוז מען נאך היינט צו טאג אפילו רעדן און אנווייזן אויף דער נישט-אידישקייט פון דער היינטיגער קאפיטאליסטישער ארדענונג, וואס שטייט אין א בולטער סתירה צו די טענדענצן פון צדקה, צו די עטישע טענדענצן פון יהדות. היינט, ווען א גרעסערער טייל פונעם רעליגיעזן אידנטום, מכל שכן נאך די וואס פילן די קלעפ פון דער רשעות'דיגער ארדענונג גלייך מיט אלע, וואלטן געדארפט זיין די ערשטע, די אוואנגארד אינעם קאמף פאר א בעסערער און עטישערער ארדענונג, זענען זיי נישט בלויז פאסיוו. נאר ליידער פארקערט: זיי קלאמערן זיך עקשנות'דיג אן אין דער היינטיגער קאפיטאליסטישער ארדענונג, און האבן זי אפילו לעגאליזירט, פון א מכלומרשטן רעליגיעזן שטאנדפונקט, און פראפאנירט אזוי ארום די רעליגיע. אויף זיי האבן די חז"ל געזאגט (יומא דף כ"ו): "פלוני שלמד תורה ראו כמה מקולקלין מעשיו, כמה מכוערין דרכיו, ועליו הכתוב אומר: ויחללו את שם קדשי באמר להם, עם ה' אלה ומארצו יצאו".

## III

מיר רופן אלע רעליגיעז-דענקנדיגע צו באטייליגן זיך אקטיוו אינעם קאמף פארן רעליגיעז-עטישן סאציאליזם, וואס מיינט נישט בלויז די באפרייאונג פונעם פראלעטאריאט, נאר צוזאמען מיט זיין באפרייאונג אויך, און קודם כל, די באפרייאונג פון דער מענטשהייט.

אין דער דערנידערונג פונעם מענטשליכן ווערט קומען זיך ביידע דיאמעטראל-קעגנגעזעצטע עקסטרעמען, סיי די קלעריקאל-רעליגיעז-בירגערליכע, סיי די מארקסיסטישע, צוזאמען אין זייערע אויספירן בנוגע דעם ווערט פונעם מענטש.

דער קלעריקאליזם, וואס האט מיט זיין פעלשונג געבונדן דעם מענטשליכן שעפערישן דראנג, פאראליזירט ביי אים דעם פרייען ווילן, האט ארויפגעלייגט זיין חותם אויף דער רעליגיע.

פון דער צווייטער זייט האט דער מארקסיזם, וואס האט אויך פאראליזירט דעם פרייען ווילן ביים מענטש, אויך געלייגט זיין חותם אויפן סאציאליזם. דערפאר זענען ביידע כוחות, רעליגיע און סאציאליזם, וואס האבן געדארפט זיין פאראלעל-לויפנדיג, געווארן אנטאגאניסטיש און שטערעריש.

"אט אזוי באבאכטן מיר אין היסטארישע אורזאכן-קייטן, אז דער סאציאלער אדער רעליגיעזער אויפשוואונג, וואס איז אין אנהייב אזוי שעפעריש, קען דערנאכדעם דורך דאגמאטיזירונג, דאס הייסט, דורך בינדונג פון דער שטענדיגער ווילנס-שפאנונג, ווערן אלץ מער פרימיטיוו-אויסטערעריש." (פראפעסאר שניאורסאן, "חלום און שפיל")

די קלעריקאל-בירגערליכע דערקלערן די מינדערווערטיגקייט פונעם מענטש דערמיט וואס זיי פעלשן די רעליגיעזע יסודות. זיי דערקלערן: אויב אלץ איז פון ג-ט, וואס קען דער מענטש אויפטון, אויב ג-ט וויל אז ס'זאל אזוי זיין? פונקט דעם זעלבן אויספיר, נאר ארויסגייענדיג פון אנדערע יסודות, דערקלערט דער מארקסיזם: אז אלץ אין דער וועלט האט זיך זיין סיבה, איז קאוזאל. דערפאר האט יעדע זאך געמוזט אזוי ווערן און נישט אנדערש, ווייל זי איז א פאלגע פון א פריערדיגער אורזאך. דערפאר מאכט דער מארקסיזם דעם זעלבן אויספיר, אז דער מענטש איז בלויז א שפילכל, א שרייפעלע אין דער גאנצער מאשין, אין דער מאשין פונעם מאטעריאליסטיש-דיאלעקטישן גאנג פון דער געשיכטע. דערפאר איז די ענדערונג נישט אפהענגיג פונעם מענטשליכן ווילן, און די מענטשליכע באמיאונגען זענען ציל-לאז, ווייל זיי שטויסן זיך אן אין די געזעצן פון קאוזאליטעט.

אבער אנדערש זענען די אויספירן בנוגע דעם פערזענליכן ווערט פונעם מענטש, פון יעדן אינדיווידום. אנדערש איז די ראלע פונעם מענטש אין זיין וועג צו שלמות, לויט די אמת'ע רעליגיעזע יסודות פונעם רעליגיעז-עטישן סאציאליזם. ווייל ס'איז א טעות צו מיינען, אז אויב אלץ איז פון ג-ט, וואס קען שוין דער מענטש אויפטון, אויב ג-ט וויל אז ס'זאל אזוי זיין?

דער רמב"ם זאגט אין "שמונה פרקים להרמב"ם", פרק ח':

"ואלו היה האדם מוכרח על פעולותיו היה בטל מצות התורה ואזהרותיה והיה הכל שקר גמור אחר שאין בחירה לאדם במה שיעשה".

"וזה כולו שקר גמור וכנגד המושכל והמורגש והריסת חומת התורה לגזור על הש"י בעול חלילה ממנו, אמנם האמת, אשר אין ספק בו שפעולות האדם כלם מסורות לו אם ירצה יעשה ואם לא ירצה לא יעשה מבלתי הכרח שיכריחו עליו, ומפני זה היה ראוי לצוות: ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב, ובחרת בחיים ושם בחירה לנו בהם".

אט זעען מיר ווי דער רמב"ם טרעט ארויס קעגן די וואס ווילן זאגן, אז דער מענטש איז נישט פריי אין זיינע האנדלונגען, און אלץ וואס געשעט אין דער מענטשליכער געזעלשאפט, סיי גוטס, סיי אפילו שלעכטס, האט געמוזט אזוי זיין, ווייל ס'איז נישט אונטערגעווארפן דעם מענטשליכן ווילן. און דאס, זאגט דער רמב"ם, איז קעגן דער תורה און אלע אירע מצוות, ווי ס'קומט צום אויסדרוק דער פרייער ווילן פונעם מענטש. ס'איז א געוואלדיגע פארלייקענונג און פראפאנאציע צו זאגן, אז דאס גאנצע שלעכטס אין אונזער עקזיסטענץ וואס איז דא אויף דער וועלט, מוז אזוי זיין, ס'איז פון ג-ט'ס ווילן. אין אלע זיינע טאטן איז דער מענטש פריי צו טון גוטס אדער שלעכטס. דער רמב"ם זאגט דארט ווייטער:

"וחייב ג"כ ההכנות כלם כמו שכתוב בתורה, כי תבנה בית חדש ועשית מעקה לגגך, ולא תשים דמים בביתך, פן ימות במלחמה, במה ישכב, לא תחבול רחים ורכב והרבה בתורה ובנביאים מזה הענין, ר"ל ההכנות".

דערפאר איז דער מענטש מחויב צו טון אלץ כדי ס'זאל נישט זיין קיין אומרעכט און עקספלאטאציע, ס'זאל הערשן יושר און צדק. ווי דער רמב"ם באווייזט עס מיט ציטאטן פון דער תורה, און מיט וועלכע די גאנצע תורה און נביאים זענען אנגעפילט:

"ויתרחק מן הפעולות הרעות עד שסורו, והם הפחיתיות אשר הם נמצאות אתו ולא יאמר שהם בענין שאינם יכולים להשתנות, כי <u>כל ענין אפשר להשתנות מן הטוב אל הרע ומן הרע אל הטוב הכל בבחירתו</u>".

דערפאר דארף דער מענטש זיך דערווייטערן פון אלעם שלעכטן און אומגערעכטיגקייטן וואס געפינען זיך ארום אים, און ער זאל נישט זאגן, אז דאס אלץ מוז אזוי זיין און אז ער קען עס סיי ווי נישט ענדערן. ווייל פארקערט: אלץ קען דער מענטש ענדערן פון גוטס אויף שלעכטס און פון שלעכטס אויף גוטס. אלץ איז אונטערגעווארפן זיין פרייען ווילן. דא גייט דער רמב"ם איבער צו דער פראגע וועגן אלע שטעלן, וועגן די פארשידענע מאמרים פון די חז"ל און נביאים, ווי עס רעדט זיך וועגן דער אפהענגיגקייט פונעם מענטש אין ג-ט, און ספעציעל די מאמרים ווי "הכל בידי שמים", "אין אדם נוקף אצבעו מלמטה", און אזוי ווייטער, וואס באווייזן אז דער מענטש איז נישט פריי אין זיינע האנדלונגען, נאר אלץ איז פון ג-ט. אויף דעם זאגט ער:

"אבל המאמר המפורסם אצל בני אדם וגם תמצאו ממנו בדברי החכמים ובדברי הנביאים ג"כ, והוא שישיבת האדם וקימתו וכל תנועותיו ברצון הש"י ובחפצו, הוא מאמר אמתי על צד אחד".

"ועל זה הצד יאמר האדם, שיקום וישב, שברצון הש"י קם וישב, ר"ל שהושם בטבעו בתחילת בריאתו. ושיקום וישב בבחירתו, לא שהוא רוצה עתה בעת קומו שיקום או שלא יקום, כמו שלא רוצה עתה בנפילת האבן הזאת, שתפול או שלא תפול. וכלל הדבר שאמין בו הוא, כי כמו שרצה הש"י שיהא האדם נצב הקומה, רחב החזה, בעל אצבעות, כן רצה שיתנועע וינוח מעצמו ויעשה פעולות בבחירתו, אין מכריח לו עליהם".

דאס הייסט, דאס אלץ ווערט געטון דורך ג-ט, מיינט אז אלץ ווערט געטון דורכן געטליכן וואס איז דא אין דער נאטור משׁשׁת ימי בראשית. פונקט אזוי, אויב ס'פאלט א שטיין אראפ פון דער הייך, הייסט דאס נישט אז ג-ט וויל אין דער רגע אז דער שטיין זאל אראפפאלן. ווייל דער שטיין האט געהאט זיין נאטורליכע סיבה פאראויס באשטימט פון ג-ט, וואס האט אים געשטויסן אראפצופאלן, און ג-ט איז דא דער מסבב כל הסבות. דער מענטשליכער ווילן איז אויך א סיבה אינערהאלב דער נאטור, און דערפאר איז טאקע די מענטשליכע אויפגאבע צו ווערן א שותף למעשה בראשית.

דערפאר איז פאלש די מיינונג פון די קלעריקאל-בירגערליכע, אז דאס איז ווי ס'איז, מוז זיין, און אז דער מענטש קען גארנישט ענדערן. ווייל דאס איז אין קעגנזאץ צו די יסודות פון יהדות.

אמאל, ווען דער קאפיטאליזם איז אין אנהייב פון זיין אנטוויקלונג געווען ליבעראל, האט דער אידישער רעליגיעזער קאפיטאליסט געקענט גרינגער צוזאמענפאסן זיינע גענוסן מיט די רעליגיעז-מאראלישע יסודות. ווייל דער קאפיטאליזם האט אין אנהייב פון זיין אנטוויקלונג געקעמפט פאר דעמאקראטיע, ליבעראליזם, קעגן קנעכטשאפט, פעאדאליזם, דעספאטיזם, און אזוי ווייטער. אבער היינט צו טאג, ווען דער קאפיטאליזם איז באזירט אויף עקספלאטאציע, רויב און מארד, ווען דער קאפיטאליזם גייט אומעטום אפן אדער פארשטעלט אריין אין דער פאזה פון פאשיזם, בלייבט נישט קיין אנדערער אויסוועג, אדער פאשיזם אדער סאציאליזם. ווייל אומעטום גייט די אנטוויקלונג פונעם עקאנאמישן איבערבוי האלב-פאשיסטיש אדער גאנץ-פאשיסטיש. דערפאר ווערן היינט אלע געשטעלט אפן און קלאר פאר דער פראגע "הלנו אתה אם לצרינו?"

ס'העלפט נישט קיין הוילע נייטראליטעט, פאסיוקייט צו וועלכער ס'איז פאליטישער אנשויונג. ווייל יעדער מין ווירטשאפט איז געבונדן מיט דער אלגעמיינער פאליטיק.

ס'זענען פארהאן רעליגיעז-דענקנדיגע מענטשן, גרויסע יחידים, גייסטיגע ריזן, וואס קענען זיך דערהייבן איבער דער ווירקליכער ברוטאלער וועלט און זיך איינשליסן אין זייער "עולם האצילות".

אבער דעם לוקסוס קענען זיך נאר דערלויבן אויסנאם-יחידים, גייסטיגע ריזן, אבער בשום אופן נישט קיין הלכה למעשה, בשום אופן נישט קיין מאסן-דערלייזונג דורך בלויז גייסטיגער דערהויבונג אינערהאלב דער ברוטאל-קאפיטאליסטישער וועלט.

ווען מיר טרעפן אינערהאלב די רעליגיעז-בירגערליכע קרייזן יחידים וואס רופן די מאסן זיך עטיש איינצושליסן אינערהאלב דער קאפיטאליסטישער ארדענונג, ווי א שטייגער דאקטאר נתן בירנבוים אינערהאלב דער "אגודה", זאגן מיר דאן:

"למדנו רבינו".

וויאזוי מעג מען די וועלט איבערלאזן אזוי ווי זי איז, מיט איר גאנצער ברוטאליטעט, און אנטלויפן פון איר, שאפנדיג בלויז פאר זיך א באזונדערן ווינקל?

אויב מען רעדט וועגן א "יום שכולו שבת ומנוחה", טאר מען נישט אונטערשטיצן די וואס קלאמערן זיך אן אין דער רשעות'דיגער ארדענונג און מיט צוואנג דערלאזן נישט דאס פולע שבת'דיגקייט. ווייל מען איז דאך א "מחטיא את הרבים". אויב מען רעדט וועגן א יושר'דיג איינשליסן זיך, טאר מען נישט אונטערשטיצן א רשעות'דיגע ארדענונג.

ג-ט האט דאך געשטראפט יונה הנביא, וואס האט אויך געוואלט אנטלויפן פונעם שלעכטס און נישט געוואלט אויספירן די קאטעגאריש-נביאישע אויפגאבע.

שוין נישט רעדנדיג דערפון, אז אין א וועלט וואס איז פול מיט ברוטאליטעט, קען מען זיך בכלל נישט שאפן קיין ווינקל פון א יושר'דיג איינשליסן זיך. ווייל אין סדום קען אפילו קיין איין צדיק נישט זיין.

מיר קומען אונטעררייסן און מאכן אויפציטערן די נשמות צוזאמען מיט די גופים, געשטויסן פונעם גרויסן צער און צארן מיט וועלכן דאס הארץ פון דער וועלט איז אנגעפילט. מיט דעם גרויסן ס. א. ס. רוף,[5] מיט דעם איבערוועלטליכן רוף: "מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה לפני", און פארן אקטיוון קאמף, פאר דער גרויסער עטישער רעוואלוציע.

# דער רעליגיעז-עטישער סאציאליזם און דער מארקסיזם

## I

נאך היינט צו טאג, ווען מען קומט שרייבן נעגאטיוו וועגן מארקסיזם, מוז מען זיך באווארענען קעגן שלעכט פארשטאנען ווערן. ווייל נאך ביי פיל פון די מאסן זענען סאציאליזם און מארקסיזם סינאנימען. דערפאר פאסן זיי אויף יעדן קעגנער פון מארקסיזם אויך אלס קעגנער פון סאציאליזם. זיי פארשטייען נישט, אז ס'איז טאקע אמת, יעדער מארקסיסט איז אין א געוויסער מאס א סאציאליסט, אבער נישט יעדער סאציאליסט מוז זיין א מארקסיסט.

היינט, ווען די פארשידענע פאשיסטיש-רעאקציאנערע באוועגונגען באקעמפן דעם מארקסיזם, מיינען זיי דער עיקר דעם סאציאליזם. זייער קאמף איז בעיקר נאר א קאמף קעגן דער באציונג און איבערביונג וואס דער סאציאליזם טראגט מיט זיך, א קאמף קעגן דער פארעטישונג פון דער מענטשהייט, א קאמף קעגן דער סאציאלער פרייהייט. דערפאר זעען מיר טאקע, אז זיי פירן זייער קאמף אזוי אויפריכטיג קעגן די מארקסיסטן אלס מענטשן וואס פירן א קאמף פאר סאציאליזם. דערפאר מוזן מיר באלד ביים אנהייב אונטערשטרייכן, אז מיר פארקערט, פירן נאר בלויז א גייסטיגן קאמף קעגן דעם מארקסיזם, דורך דערהויבונג, פארשענערונג און פארעטישונג פונעם סאציאליזם.

הגם מיר באקעמפן דעם מארקסיזם, מוזן מיר אבער צוגעבן, אז מארקס האט גרויסע פארדינסטן פאר דער ארגאניזירונג און פאר דעם אויפגעוואקסענעם און רייך געווארענעם באוואוסטזיין פון די גרויסע פראלעטארישע מאסן.

מארקס האט דער ערשטער באוויזן די הינטערקוליסן פון דער קאפיטאליסטישער וועלט, אויפדעקנדיג דעם מקור פון ווערט און מערווערט, באווייזנדיג די רויבערישע עקספלאטאציע פונעם קאפיטאליזם.

נישט מסכים זייענדיג מיט אלע אויספירן וואס מארקס מאכט, מוזן מיר אבער צוגעבן, אז ער האט אנגעוויזן די וויכטיגקייט וואס ארבעט פארנעמט אין דער מענטשליכער געזעלשאפט.

דער קאמף קעגן מארקסיזם אלס די דיאלעקטיש-מאטעריאליסטישע וועלט-אנשויונג "איז נישט קיין סימן פון וויניג יראת הכבוד צו מארקס, און ס'זאל דא געזאגט ווערן, אז איך אליין ווייס דאך בעסער פון אלע, וואס אויסער איך פערזענליך האב צו פארדאנקען טאקע מארקס גופא. פשוט, מחמת ער אליין האט מיר מיט זיינע הענט געגעבן די מערסטע מיטלען, מיט דער הילף פון וועלכע איך באפריי זיך פון מארקסיזם. דער וואס

פארשטייט אים האט לגבי אים דעם חוב נישט צו בלייבן שטיין אויף איין ארט, און מעג דאס ארט אפילו זיין דארט וואו מארקס אליין איז געשטאנען. בעת אין דער אמת'ן פאדערט פון אונז דאס געבאט פון אמת זוכן, וואס מארקס האט געפאלגט זיין גאנץ לעבן, צו גיין ווייטער און ווייטער."

(ה. דע-מאן, "פסיכאלאגיע פון סאציאליזם", ארײנפיר)

ווען מיר שטעלן אוועק אין דעם קאמף פאר סאציאליזם די רעל. עט. סאצ. וועלט-אנשויונג, גייען מיר ארויס פון דער הנחה, אז מארקסיזם איז נישט בלויז אן עקאנאמישע לערע, נישט בלויז אן עקאנאמיש-היסטארישער מאטעריאליזם. מארקסיזם איז אן אלץ-ארומנעמנדיגע וועלט-אנשויונג, א דיאלעקטיש-מאטעריאליסטישער מאניזם, פון וועלכן דער היסטארישער מאטעריאליזם איז ערשט א פועל יוצא. מארקסיזם איז א מאניסטישע וועלט-אנשויונג, אונטער וועמענס קאנטראל ס'מוז אלס קאנסעקווענץ געשטעלט ווערן יעדעס געשען אין דער וועלט, און ממילא אויך די געשטאלטונג פון דער מענטשליכער געזעלשאפט, דער סאציאליזם.

כדי צו באווייזן דעם אונטערשייד צווישן די צוויי וועלט-אנשויונגען, און פארוואס נישט מארקסיזם, מוזן מיר אין קורצן דעפינירן די יסודות פונעם מארקסיזם.

די פילאזאפישע גרונט-יסודות פונעם מארקסיזם זענען: מאטעריאליסטישער מאניזם געשפאנט מיט דער העגעלישער דיאלעקטיק.

דער מאטעריאליסטישער מאניזם איז א ווייטערדיגע פילאזאפישע אנטוויקלונג פון שפינאזא'ס פאנטעאיזם.

פונקט ווי שפינאזא אנערקענט נישט קיין שום אויסערליכע גייסטיגע סיבה ("Causa Transcydnens") אויסער דער נאטור, קיין שום גייסטיגע אומאפהענגיגקייט, פונקט אזוי אנערקענט נישט דער מאטעריאליסטישער מאניזם קיין שום גייסטיגע סובסטאנץ איבער דער מאטעריע.

פונקט ווי שפינאזא, וואס אנערקענט נישט קיין גייסטיגע אומאפהענגיגקייט, גייסט איז ביי אים אן אינעוויינינגסטע סיבה ("Causa Imanens"), און אלס קאנסעקווענץ דערפון אנערקענט ער אויך נישט קיין פרייען ווילן ביים מענטש. דער מענטש איז בלויז א טייל פון דער נאטור, ער ליגט אונטער די זעלבע געזעצן ווי די נאטור, און דערפאר ווערט ער ביי אים נאטוראליסטיש דעטערמינירט. אזוי אויך איז ביים מאטעריאליסטישן מאניזם דער מענטש א טייל פונעם מאטעריאליסטיש-דעטערמינירטן קאסמאס.

הגם פיל פון די אידעאליסטן רעכענען שפינאזא צווישן די פארשטייער פון דער אידעאליסטישער וועלט-אנשויונג, איז דאס אבער נאר אויף אזוי פיל ריכטיג, ווי ווייט שפינאזא אנערקענט, אין קעגנזאץ צום מאטעריאליסטישן מאניזם, אויך דעם גייסט צוזאמען מיט דער מאטעריע אלס צוויי גלייכע, אימאנענטע, אינעווייניגסטע כוחות. אלס אטריבוטן פון איין און דער זעלבער סובסטאנץ, וואס הייסט ביי אים "ג-ט אדער

נאטור", "Deus sive Natur". (אט שוין אין דעם "אדער", "Sive", ליגט שוין די מעגליכקייט פון די צווי אויסטייטשונגען.) און ביים מאטעריאליסטישן מאניזם איז גייסט א פועל יוצא פון דער מאטעריע. מאטעריע איז דא די ערשטע סיבה, "פרימא-קאוזא". אבער דער אונטערשייד איז נישט מער ווי די ווייטערדיגע אנטוויקלונג אין א גלייכער ליניע פון שפינאזא ארויס. שוין אין די יסודות פונעם פאנטעאיזם זענען פארהאן די ערשטע יסודות פארן מאטעריאליזם. ווי לודוויג פויערבאך זאגט עס (ווענענס דירעקטער תלמיד מארקס איז געווען, פויערבאך פונקט ווי מארקס האבן געהערט צו די אזוי גערופענע לינקע העגעליאנער): "ווען מיר באטראכטן גוט די סובסטאנץ וואס שפינאזא רופט אן ג-ט, זעען מיר, אז דאס איז נישט אנדערש ווי די נאטור."

שוין נישט רעדנדיג דערפון, אז פאר אונז אלס מאנאטעאיסטן, וואס אנערקענען דעם "Causa-Transcydnens", די גייסטיגע אויסערווייניגסטע אומאפהענגיגע סיבה, איז שפינאזא מיט זיין יסוד פון אן אינעווייניגסטער סיבה, "Causa Imanens", אויף דער צווייטער זייט פון די מאטעריאליסטן.

דער מאטעריאליסטישער מאניזם דערקלערט, אז אין דער וועלט עקזיסטירט נישט מער ווי מאטעריע מיט איר מעכאנישער באוועגונג פון אטאמען און עלעקטראנען, וואס זענען די קלענסטע טיילעכלעך פון מאטעריע. און אז אלץ אין דער וועלט נעמט זיין אנהייב און מוז ווערן צוריקגעפירט צו די גרעניצן פונעם אטאם. אלע פארשידענע קוואליטעטן פון יעדן מין זאך אין דער וועלט זענען נישט מער ווי קוואנטיטעטן פון אטאמען, וואס געפינען זיך אין א שטענדיגער באוועגונג, און אט די באוועגונג שאפט די פארשידענע קוואליטעטן.

דער מאטעריאליזם זאגט, אז מאטעריע קען נישט זיין דענקבאר אן באוועגונג. דאס הייסט: דארט וואו ס'איז דא מאטעריע מוז זיין באוועגונג, און פארקערט: וואו ס'איז דא באוועגונג מוז זיין מאטעריע. ווייל באוועגונג און מאטעריע זענען נישט קיין צווי באזונדערע זאכן, נאר באוועגונג איז בלויז דער זיין-ארט פון מאטעריע. אונטער דעם נעמט מען אן, אז אין דער וועלט איז נישטא קיין סטאטיק, נאר בלויז דינאמיק, ווי העראקליט האט נאך געזאגט: "אלץ פליסט".

דער מאטעריאליסטישער מאניזם האט געמאכט די דערמאנטע אבסאלוטע פעסטשטעלונגען א דאנק די נצחונות וואס די עקספערימענטאלע וויסנשאפט האט אנגעהאלטן, איבערהויפט די פיזיק. אלע געזעצן וואס די עמפירישע וויסנשאפט האט ארויסגעברענגט, האט ער דערקלערט אלס אבסאלוטע. מיט זייער הילף האט ער זיך געשאפן דעם "אבסאלוטן אמת" פונעם מאטעריאליסטישן מאניזם.

אפילו די פסיכיק איז לויט אים נישט מער ווי די באוועגונג פון מאטעריע, דאס הייסט, פון דער מאטעריע וואס האט דערגרייכט א העכערע שטופע פון אנטוויקלונג. אזוי ארום איז דער גייסט א פראדוקט פון מאטעריע. ווי פויערבאך דריקט זיך אויס: "נישט דער זיין איז פונעם דענקען, נאר דאס דענקען איז א רעזולטאט פונעם זיין".

די מאטעריע-באוועגונג, דער יסוד פונעם מאטעריאליסטישן מאניזם, זאגט מארקס, גייט דיאלעקטיש. ער האט צוזאמענגעשפאנט דעם מאטעריאליסטישן מאניזם מיט דער העגעלישער דיאלעקטיק, זאגנדיג אז די שטענדיגע דינאמיק, די שטענדיגע באוועגונג אלס זיין-ארט פון מאטעריע, גייט לויט דעם יסוד פון דיאלעקטיק.

דיאלעקטיק איז, ווי מיר זעען, דער צווייטער פילאזאפישער יסוד פונעם מארקסיזם, וועמענס באגרינדער איז געווען העגעל.

העגעל האט גרינטליך אנגעוויזן די סיסטעמאטיק פון אלע דערשיינונגען אין דער וועלט, אז זיי ווערן געפירט דיאלעקטיש.

די דיאלעקטיק הייסט, ווי העגעל אליין זאגט: "יעדע דערשיינונג ווערט דורך דער ווירקונג פון אירע אייגענע כוחות פארוואנדלט אין איר אייגענעם קעגנזאץ", און "דער קעגנזאץ איז דאס פארשליסנדע".

ער גיט עס צו פארשטיין אויפן ביישפיל פונעם קערנדל: ווען מען פארזייט דאס קערנדל אין דער ערד, וואקסט דערפון ערשט ארויס א זאנג, וואס איז דאך נאר די פארלייקענונג, די נעגאציע פונעם קערנדל. אבער די נעגאציע, דער קעגנזאץ, איז נאר א שיינבארער, אן אויבערפלעכליכער. אין תוך איז דאס גאר א פארטיפונג, כדי עס זאל זיך קענען אנטוויקלען א סך קערנדלעך. אט די דריי-פאזעדיגע אנטוויקלונג, וואס ווערט באצייכנט מיט די טערמינען טעזע, אנטיטעזע און סינטעזע, מאכן אלע דערשיינונגען אין דער וועלט דורך.

אבער אנשטאט דעם וואס העגעל האט געזאגט, אז די אורסיבה וואס שטויסט די דיאלעקטיק איז די אבסאלוטע אידעע, האט מארקס געזאגט, אז די שטויסקראפט פון דער דיאלעקטיק איז די באוועגונג אליין. זי איז, ווי שוין געזאגט, דער זיין-ארט פון מאטעריע, וואס מיינט דאס זעלבע ווי מאטעריע.

צוזאמענפארבינדנדיג דעם מאטעריאליסטישן מאניזם מיט דער דיאלעקטיק, און מאכנדיג דעם יסוד פונעם דיאלעקטישן מאטעריאליזם פאר אן "אבסאלוטן אמת", איז מארקס מיט זיין הילף צוגעטרעטן צום היסטאריש-מאטעריאליסטישן אנאליז. לויט דעם באווייזט מארקס היסטאריש, אז דער סאציאליזם מוז נויטווענדיגערהייט קומען אלס פועל יוצא פונעם מאטעריאליסטיש-דיאלעקטישן גאנג פון דער געשיכטע.

דער מארקסיזם, געטריי דעם מאטעריאליסטישן מאניזם, דערקלערט, אז פונקט ווי אין דער אלגעמיינער נאטור-פילאזאפיע ווערט אלץ צוריקגעפירט צום אטאם, אזוי אויך אין דער אנטוויקלונג פונעם געזעלשאפטליכן לעבן ווערן אלע דערשיינונגען אין דער געשיכטליכער אנטוויקלונג, אפילו גייסטיגע און אידעאליסטישע פארלאנגען, צוריקגעפירט, צוריקגעוויזן אלס עקאנאמישע.

די עקאנאמיק איז דער מאטעריעלער באזיס פון דער מענטשליכער געזעלשאפט, און די עקאנאמישע באפרידיגונג איז די באוועגונג פונעם מאטעריעלן באזיס. אלץ וואס

שטויסט און ברענגט ארויס די עקאנאמישע באפרידיגונג, די עקאנאמישע אנטוויקלונג, ווי צום ביישפיל די פראדוציר-סיסטעמען, זענען באשטימנדיגע פאקטארן פארן מענטשליכן באוואוסטזיין.

מארקס איז געווען אריגינעל קודם כל דערמיט וואס ער האט צוזאמענגעבינדן די דיאלעקטיק מיטן מאטעריאליסטישן מאניזם. דאן האט זי אים געפירט צו נעמען צו הילף אויך די עקאנאמישע וויסנשאפט, ווי די מערווערט-טעאריע, צו א ווייטערדיגן אריגינעלן אויספיר, אז די מענטשליכע אנטוויקלונג אלס גזעלשאפטליכע עקזיסטענץ האט איר זעלבסטבאשטימנדיגע סיבה, די עקאנאמיק. זי איז, ווי שוין געזאגט, די ערשטע אורזאך פון דער אנטשטייונג און אנטוויקלונג פונעם מענטשליכן באוואוסטזיין.

לויט שפינאזא איז דער מענטש א טייל פון דער נאטור, ווייל אלץ ווערט ביי אים נאטוראליסטיש דעטערמינירט.

לויט דעם מאטעריאליסטישן מאניזם ביי מארקס איז דער מענטש א טייל פונעם מאטעריאליסטיש-דעטערמינירטן קאסמאס. באוואוסטזיין איז דא א פראדוקט פונעם אטאמען-שפיל.

לויט מארקס ווערט דער מענטש אלס געזעלשאפטליכער טייל דעטערמינירט עקאנאמיש, אלס די סיבה פון דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג. דער מענטש איז נישט מער ווי א טיילעכל פון דער געזעלשאפט-מאסע, וואס איז ווידער אלס גאנצע א טייל פונעם דיאלעקטיש-מאטעריאליסטיש-דעטערמינירטן קאסמאס.

דער מארקסיזם איז אזוי ארום די ווייטערדיגע פילאזאפישע אנטוויקלונג וואס דער מאטעריאליזם האט דורכגעמאכט פון שפינאזא אן.

ווי מיר זעען, איז דער מארקסיזם אן אלץ-ארומנעמנדיגע פילאזאפישע וועלט-אנשויונג, אונטער וועמענס קאנטראל יעדעס געשען אין דער וועלט מוז ווערן געשטעלט.

ס'זענען געווען אזעלכע וואס האבן געפרואווט אפטיילן דעם היסטארישן מאטעריאליזם פונעם פילאזאפישן מאטעריאליזם, ווי עדוארד בערנשטיין, שמיד, וואלטמאן, סטרועווע, בערדיאעוו, וואס האבן זיך גערופן רעוויזיאניסטן פונעם מארקסיזם. זיי האבן זיך באנגונגט מיט קאנט'ס קריטיציזם קעגן דעם מאטעריאליסטישן בליק אויף דער וועלט, ווי מען האט אים טאקע גערופן: "קאנטא-מארקסיזם".

אפטיילנדיג דעם היסטארישן מאטעריאליזם, וואס געהערט לויט זיי צו דער סאציאלאגיע, פונעם פילאזאפישן מאטעריאליזם, האבן זיי געהאלטן, אז מען קען זיין אן אנהענגער פונעם היסטארישן מאטעריאליזם און דערביי געהערן צו וועלכער ס'איז פילאזאפישער וועלט-אנשויונג. ווייל דער פילאזאפישער מאטעריאליזם איז נישט פארפליכטנד פארן מארקסיזם.

קעגן זיי זענען אמשארפסטן ארויסגעטרעטן פלעכאנאוו און קאוטסקי. פלעכאנאוו ווייזט אן אין זיינע ביכער "גרונט-פראגן פון מארקסיזם" און "דער דיאלעקטישער מאטעריאליזם און זיינע קעגנער" דעם אינטערנבארן [אזוי געדרוקט אינעם מקור; דאס ווארט איז נישט קלאר] פילאזאפיש-מאטעריאליסטישן בליק פונעם מארקסיזם, און די דירעקטע השפעה פון פויערבאך אויף מארקס.

דער איבערקער אין דער פיזיק אין דער לעצטער צייט, וואס שטעלט פעסט די אייגנשאפט פון מאטעריע, אז באוועגונג קען עקזיסטירן אן מאטעריע, און די לערע פון ענערגעטיק בכלל, האט געהאט א גרויסע השפעה אויף א גרויסן טייל פון די מארקסיסטן. זיי האבן ווייטער געפרואווט דורכפירן א רעוויזיע אינעם מארקסיזם. קעגן זיי זענען ארויס די טיפסטע ארטאדאקסן: פלעכאנאוו, אקסעלראד, לענין, בוכארין, דעבארין און אנדערע, וואס באווייזן ווידער דעם ענגן צוזאמענהאנג פונעם פילאזאפישן מאטעריאליזם מיטן היסטארישן.

אנדערש און פולשטענדיג אויסגעהאלטן זענען די סאציאליסטן וואס האלטן, אז די מאטעריאליסטישע אויפפאסונג פון דער געשיכטע איז א פועל יוצא פונעם פילאזאפישן מאטעריאליזם, און אז אזא אויפפאסונג מוז אומבאדינגט פירן קאנסעקווענט צו דער נעגאציע פון וועלכער ס'איז אידעאליסטישער וועלט-אנשויונג און צום אטעאיזם. זיי זאגן זיך דעריבער אינגאנצן אפ פונעם מארקסיזם, ווי צום ביישפיל דאקטאר חיים זשיטלאווסקי, דאקטאר י. נ. שטיינבערג, דאקטאר אהרן שטיינבערג, הענדריעטא ראלאנד האלסט און פראפעסאר ה. דע-מאן אין זיין בוך, איבערגעזעצט דורך מיר, "דערקענען און באפרייען, אויף יענער זייט פון מארקסיזם". דערביי בלייבן זיי ווייטער הייסע אנהענגער פונעם סאציאליזם.

אויך מיר, וואס שטרעבן און קעמפן פאר דער פארווירקליכונג פונעם סאציאליזם, באקעמפן דערביי דעם מארקסיזם. ווייל מיר זענען נישט מסכים מיט זיינע יסודות.

קעגן אט די מאניסטישע וועלט-אנשויונג שטעלן מיר די וועלט-אנשויונג פונעם רעליגיעז-עטישן סאציאליזם, דעם מאנאטעאיזם.

דערפאר איז דער קאמף צווישן דעם רעליגיעז-עטישן סאציאליזם און מארקסיזם קודם כל א גייסטיגער קאמף צווישן צוויי מאניסטישע וועלט-אנשויונגען. די פארשידנארטיגקייט בנוגע די וועגן צום סאציאליזם זענען ערשט פועל יוצא'ס פון די צוויי באזונדערע וועלט-אנשויונגען.

דער קאמף איז א רינגעלע אין דער קייט פונעם לאנגן היסטאריש-גייסטיגן קאמף וואס דער מאנאטעאיזם פירט, דער אין סוף, קעגן אלע פארגווארטילטע, באגרעניצטע וועלט-אנשויונגען. א קאמף קעגן אוועקשטעלן דערפונדענע מענטשליך-וויסנשאפטליכע דאגמאטן אלס אבסאלוטע. אלץ איינס צי דאס זענען אמאל געווען די געצנדינערישע "אבסאלוטן", צי דאס איז געווען ביים העלעניזם דער פאנטעאיזם, צי דאס איז היינט צו טאג דער דיאלעקטיש-מאטעריאליסטישער מאניזם.

דעריבער זאגן מיר, אז דער מארקסיזם אינערהאלב דעם אידישן פאלק, פונקט ווי דער העלעניזם אמאל, פירט צו שמד און נאציאנאלער פארלייקענונג.

אויב מען וויל פארלייקענען די היסטאריש-אידעאליסטישע אויפגאבן פונעם אידישן פאלק, אויב מען וויל זען אלץ פונעם היסטאריש-מאטעריאליסטישן שטאנדפונקט, מוז מען קאנסעקוועט קומען צו קאוטסקי'ס אויספירן. ער באקעמפט יעדן פונק פון וועלכער ס'איז, אפילו פראגרעסיוו-נאציאנאלער אידישקייט, ווי ס'קומט צום אויסדרוק אין אטא העלער'ס בוך "דער אונטערגאנג פון אידנטום".

קארל מארקס דעפינירט אין זיין אפהאנדלונג וועגן דער אידן-פראגע דאס אידנטום לויט דעם היסטארישן מאטעריאליזם אויף אזא אופן. ער פרעגט: "וואס איז דער וועלטליכער גרונט פון אידנטום?" און ער ענטפערט: "דער וועלטליכער גרונט פון אידנטום איז דאס פראקטישע באדערפעניש, דער אייגננוץ". "וואס איז דער וועלטליכער קולט פון אידנטום? דער שאכער". "וואס איז זיין וועלטליכער גאט? דאס געלט". און ער קומט צום אויספיר: "אן ארגאניזאציע פון דער געזעלשאפט וואס זאל אוממעגליך מאכן דעם שאכער, וואלט געמאכט אוממעגליך די אידן". "דאס איצטיגע אידנטום איז אן אלגעמיינער אנטיסאציאלער עלעמענט, וואס איז דורך דער געשיכטליכער אנטוויקלונג געטריבן געווארן צו אזא הייך, אז ער מוז זיך אויפלעזן".

אט ווי מיר זעען, האט דער רבי אליין געפסקנט, אז מיטן אנטשטיין פון דער סאציאליסטישער געזעלשאפט מוז דאס אידנטום פארשווינדן, ווייל דאס אידנטום איז אן אנטיסאציאלער עלעמענט.

קארל מארקס האט געמאכט דעם אויספיר נישט ווייל ער איז געווען אן אנטיסעמיט. ניין, נאר ווייל ער איז זיכער געווען געטריי זיין שיטה, און איז קאנסעקווענט ארויסגעגאנגען פונעם היסטארישן מאטעריאליזם, לויט וועלכן אלע קולטור-דערשיינונגען, וועלט-אנשויונגען זענען נישט מער ווי "איבערבויען" און "צוגאב". אלס אזעלכע זענען זיי "היסטאריש-פארגענגליכע פראדוקטן". דעריבער איז ער געקומען צום אויספיר צו וועלכן דער מארקסיזם מוז דערפירן, און צו וועלכן די קאוטסקעס קומען היינט צו טאג אלס געטרייע תלמידים פון מארקס.

אמת, מיר האבן מארקסיסטישע באוועגונגען אינערהאלב דעם אידנטום וואס פארלייקענען נישט דאס אידנטום אינעם נאציאנאלן זין. זיי קעמפן גאר פאר נאציאנאלער אייגנארטיגקייט, פאר קולטורעלער אויטאנאמיע ("בונד"), פאר טעריטאריאלער אויטאנאמיע פון אידן ("פועלי-ציוניזם"). אבער לויט די געברענגטע ציטאטן, לויט די קאנסעקווענצן פונעם היסטארישן מאטעריאליזם, זעען מיר, אז די דערמאנטע באוועגונגען זענען נאר רעפארמיסטישע באוועגונגען. זיי זענען נישט מער ווי א בריקל וואס פירט אריבער אויף יענער זייט פון אידנטום, צו קאוטסקיזם, צו שמד. אלס אזעלכע זענען זיי נאך געפערליכער ווי די אפענע שמד-באוועגונג, דער קאוטסקיזם.

דאס אידנטום אין אלע זיינע קולטור-דערשיינונגען איז א פראדוקט, און עקזיסטירט א דאנק זיינע גייסטיגע און שעפערישע כוחות, טראָץ דעם וואס ס'פעלט אים די מאטעריעלע באזע, ווי טעריטאריע, מלוכה-וועזן און אנדערע.

די עקזיסטענץ פון אידנטום מיט זיין קולטור-שעפערישער ווירקונג איז א בולטער באווייז קעגן דעם היסטארישן מאטעריאליזם.

דער קאמף צווישן רעליגיעז-עטישן סאציאליזם און מארקסיזם איז א קאמף צווישן עבודת הבורא און עבודה זרה.

קעגן דער וועלט-אנשויונג פונעם מארקסיזם, וואס האט באשאפן דעם דיאלעקטיש-מאטעריאליסטישן "בורא עולם", וואס שאפט און געשטאלט דעם גאנצן אוניווערס לויט זיינע געזעצן, לויט זיין "אייגענער לאגיק", לויט זיין "אייגענער מאראל", און וועמענס לעצטער "ציל" איז די קלאסןלאזע אנארכיסטישע געזעלשאפט, שטעלן מיר די רעליגיעז-עטיש-סאציאליסטישע וועלט-אנשויונג מיט איר יסוד פון מאנאטעאיזם, פונעם אין סוף. דער מאנאטעאיזם דריקט זיך אויס אין דעם איבערהיסטארישן, נישט-פארגענגליכן, מעטאפיזישן אבסאלוט, צו וועמען די איראציאנעלע, מעטאפיזישע באדערפענישן און לעכצונגען ביים מענטש צילן. דערפאר קענען נישט אלע היסטאריש-פארגענגליכע דערשיינונגען, ווי דער סאציאליזם מיט זיין קלאסןלאזער אנארכיסטישער געזעלשאפט, ווערן דערקלערט אלס דער לעצטער ציל פונעם מענטשליכן לעבן, און מען קען נישט בלויז ארום איר שאפן אן אלץ-ארומנעמנדיגע וועלט-אנשויונג. ווייל אין ליכט פון די אבסאלוטע מעטאפיזישע ווערטן, פונעם אין סוף, איז דער סאציאליזם בלויז א באגרעניצטע היסטארישע ענדערונג.

מיר מוזן אבער באמערקן, אז אין ליכט פונעם אין סוף דארף מען נישט דערקלערן דעם סאציאליזם אלס א גלייך-וויינציגער אויפגאבע, ווי די קלעריקאליסטן ווילן. ניין!

ווי מיר האבן שוין דערקלערט, פירן נישט די מענטשליכע דערקענטניש-וועגן צום קאנקרעט-אבסאלוטן, נאר צום רעלאטיוו- אבסאלוטן. דערפאר איז סאציאליזם נישט דאס העכסטע, נאר דאס העכערע, וואס איז אן אומבאדינגטער באדינג אויפן וועג צום העכסטן.

## II

די רעליגיעז-עטיש-סאציאליסטישע וועלט-אנשויונג, וואס שטעלט זיך קעגן דעם מארקסיזם, מוז אויך באווייזן פארוואס נישט מארקסיזם. דערפאר איז נישט גענוג בלויז אויפצושטעלן אנדערע יסודות. זי מוז אויך אומלייגן די מארקסיסטישע יסודות און באווייזן זיינע בלויזן. ביי יעדער פילאזאפישער וועלט-אנשויונג וואס שטעלט זיך אלס אויפגאבע צו לעזן דעם גאנצן וועלט-פראבלעם, איז דער עיקר אירע ערשטע

פילאזאפישע יסודות אויף וועלכע זי באזירט. ווען אירע יסודות פאלן אוועק, צעפאלט זיך דער גאנצער בנין אלס ציגלעך וואס זענען ארומגעווארפן.

דער "אבסאלוטער אמת", וואס איז ביי מארקס דער דיאלעקטיש-מאטעריאליסטישער מאניזם, מיט וועמענס הילף מען קען זאגן, נישט אז ער האט אנטדעקט, נאר באשאפן דעם "היסטארישן אמת", און מיט וועמענס הילף ער האט ארומגענומען דעם גאנצן וועלט-פראבלעם, איז בכלל נישט אבסאלוט. אט פארוואס:

דאס געזעץ אויף וועלכן אלע מאטעריאליסטן-אטעאיסטן שטיצן זיך, און ווי מארקס זאגט נאך ("קאפיטאל", ערשטער באנד, זייט 177, אנמערקונג 27), אז ער האלט ווי לוקרעציוס זאגט: "ניל פאססע קרעארי דע ניהילא", פון גארנישט קען גארנישט ארויסקומען, און פון וועלכן זיי דרינגען, אז ס'קען נישט זיין וועלכע ס'איז איבערמאטעריעלע גייסטיגע אורסיבה, איז שוין לאנג, היינט צו טאג, געווארן דעגראדירט פון א מאקסימום צו א מינימום. שוין היינט ווייסן מיר, אז אטאמען טיילן זיך אויף נאך קלענערע טיילן און זיי אלע באשטייען בלויז פון ענערגיע. צי דען באווייזט דאס נישט, צי דען פירט דאס נישט צו דעמאטעריאליזאציע, צו די גרעניצן וואו מאטעריע הערט אויף צו זיין מאטעריע, און וואו ס'באווייזט זיך די השפעה פונעם גייסט און דער אבסאלוטער ווילן פון ג-ט, וואס קען באשאפן מאטעריע.

מיר ווייסן אויך, אז דער מענטשליכער ווילן אלס א חלק אלוה ממעל קען באצווינגען די פיזישע נאטור. ווייל וואס איז דאס אויטאסוגעסטיע, סוגעסטיע, פסיכאאנאליז, מיט וועמענס הילף די מעדיצין באנוצט זיך?

דער דיאלעקטיש-מאטעריאליסטישער "בורא עולם" פונעם מארקסיזם איז פונקט ווי דער גאט-סובסטאנץ-נאטור ביי שפינאזא אן אימאנענטע, אינעווייניגסטע סיבה ("Causa Imanens"). ער אנערקענט נישט קיין טראנסצידענטן, איבערמאטעריעלן, ממשות'לאזן כח. דערפאר הייסט ביי אים יעדע טראנסצידענטע סיבה ("Causa Transcydnens") א "ניהילא", א גארנישט. מיר, וואס אנערקענען דווקא די טראנסצידענטע סיבה, דעם גייסטיג-רוחניות'דיגן, ממשות'לאזן, איבער- און אויסערמאטעריעלן כח, ווייסן דערפאר נישט קיין קאנקרעטע אבסאלוטע גרעניצן, נישט פונעם "יש" און נישט פונעם "אין". סיי דער "יש" און סיי דער "אין" זענען פאר אונז רעלאטיווע באגריפן, וויילביידע קענען זיין אי "יש" און אי "אין".

דער מאטעריאליזם, וואס האט מיט דער הילף פון דער עקספערימענטאלער וויסנשאפט אנגעצייכנט די אבסאלוטע גרעניצן פונעם "יש", ווערט גראד אריבערגעשטיגן דורך דער לעצטער, איבערהויפט דורך דער פיזיק. זי פירט אליין, ווי מיר האבן אנגעוויזן, נישט וועלנדיג צום "אין", צום "ניהילא". דערפאר לאזט זיך באמערקן, אז די גרעסטע היינטצייטיגע פיזיקער זענען אנטשיידענע קעגנער פונעם מאטעריאליזם, ווי אליווער לאדזש און אנדערע.

דער באגרינדער פון חסידות, דער גייסטיגער ריז ר' ישראל בעש"ט, האט געזאגט צו זיינע תלמידים: ג-ט האט באשאפן די וועלט א "יש מאין", און אונזער אויפגאבע דארף זיין צוריקצופירן פונעם "יש" צום "אין". די אויפגאבע, וואלט איך געזאגט, פירט די וויסנשאפט אויס שלא לשמה, אבער "מתוך שלא לשמה בא לשמה".

פונקט ווי מיר זעען ביי דער דעטערמינירונג פון דער פיזיקאלישער וועלט דורך די פיזישע געזעצן פון אטאמיסטיק און ענערגעטיק, ווי דווקא זיי אליין פירן צוריק צו די גרעניצן פון מעטאפיזיק און באווייזן אליין דעם יש מאין, פונקט אזוי פירט די פסיכאאנאליז אליין צו די גרעניצן פון נשמה, צו די גרעניצן פון א זעלבסטבאשטימנדיגן כח, אומאפהענגיג פון מאטעריעלע-פיזיאלאגישע פראצעסן, צו אן אינעווייניגסטן אויטאנאמען "איך". די נשמה רייסט זיך ארײַן איבער די גרעניצן פון דער פיזיאלאגיע.

פונקט אזוי מוז קומען, און קומט היינט צו טאג, דער פרייער ווילן פונעם אינעווייניגסטן "איך", דער יסוד פון דער רעליגיעז-עטיש-סאציאליסטישער וועלט-אנשויונג, איבער די דאגמאטישע געזעצן אין וועלכע דער דיאלעקטישער מאטעריאליזם, דער מארקסיזם, האט אים פארשפארט. ער פאדערט זיין רעכט און מוז טאקע באקומען זיין בכבוד'דיגן ארט אין דער געשיכטליכער אנטוויקלונג.

ווי מיר האבן שוין אנגעוויזן, האט די גאנצע נאטור-פילאזאפיע זיך בלויז געקענט אפצווייגן אלס באזונדערע עקספערימענטאל-וויסנשאפטליכע צווייגן פון דער מעטאפיזיק, אבער בשום אופן נישט אינגאנצן באפרייען זיך פון איר. אלץ מער מוז די היסטארישע אנטוויקלונג פון דער מענטשליכער געזעלשאפט, וואס וויל דערקלערן די געשיכטליכע אנטוויקלונג פונעם געזעלשאפטליכן מענטש, זיין ענג צוזאמענגעבונדן מיט מענטש-וויסנשאפט, מיטן אינעווייניגסטן "איך" פונעם מענטש, מיט זיינע עטיש-קאטעגארישע אימפעראטיוון. זי קען זיך אוודאי נישט אויסרייסן פון דער מעטאפיזיק, וואס איז טריפה לויטן מארקסיסטישן שלחן ערוך, ווייל זי איז ענג צוזאמענגעבונדן מיט איר.

דער מארקסיזם, אלס די ווייטערדיגע אנטוויקלונג פונעם פויערבאכישן מאטעריאליזם, וואס נעמט זיין אנשפאר פון שפינאזא ארויס, לויט וועמען דער מענטש ווערט נאטוראליסטיש דעטערמינירט, דאס הייסט, דער מענטש איז נאר א טייל פונעם קאסמאס, פון דער אל-נאטור, האט אין זיין ווייטערדיגער אנטוויקלונג, אין זיין היסטארישער פארשונג פון דער מענטשליכער געזעלשאפט, דעטערמינירט דעם מענטש אין אלע זיינע קולטור-פסיכישע דערשיינונגען עקאנאמיש. ער אנערקענט נישט דעם מענטש אלס אן אויטאנאמען, אומאפהענגיג פרייען שעפערישן "איך", וואס שאפט מיטן כח פונעם פרייען ווילן, דער אינסטרומענט פון דער מענטשליכער נשמה.

ווי מיר האבן שוין באמערקט, פירן די באזונדערע צווייגן פון דער וויסנשאפט, וואס האבן זיך אפגעטיילט און אפגעזאגט פון די מעטאפיזישע יסודות, אליין צוריק צו דער מעטאפיזיק.

די פסיכאאנאליז האט זיך נישט געזארגט וואס דאס אונזער נשמה איז, צי אויסער דעם פיזיאלאגישן "איך" עקזיסטירט אויך א גייסטיגער "איך", א "דינג אן זיך". זי האט נאר אנגעהויבן צו פארשן די פסיכישע אנטוויקלונג, פארלייקענענדיג וועלכן ס'איז באזונדערן אויטאנאמען פסיכישן כח. זי האט די פסיכיק נאר דערקלערט אלס זיין-ארט פון די פיזיאלאגישע דערשיינונגען. זי האט אליין געעפנט א טיר פאר דער נשמה, איבער די צוימונגען פון פיזיאלאגיע.

שוין די פסיכאאנאליז, וועמענס באגרינדער זענען פראפעסאר פרויד און פראפעסאר אדלער, באווייזט, אז אויסער דעם פיזיאלאגישן פראצעס פונעם מח-צענטער איז דא א באזונדערער זעלבסטבאשטימנדיגער צענטראלער כח אין די טיפענישן פונעם מענטש, וועגן וועלכןביידע זענען מחולק:

פראפעסאר פרויד האלט, אז די עראטישע שטרעבונג, דער אינערליכער דראנג צו סעקסועלער ליידנשאפט וואס איז נישט באפרידיגט, איז דער צענטראלער כח פונעם מענטשליכן דענקען, פילן און האנדלען ("ליבידא-קאמפלעקס"). שכרות און פארברעכן, פונקט ווי טאלאנט און וויסנשאפטליכע שטרעבונגען, זענען נישט מער ווי סובלימירטע עראטיק.

סובלימאציע, ווי פראפעסאר פרויד רופט עס אן, הייסט, אז דער עראטישער דראנג געפינט א נייע פארם פון באפרידיגונג.

פראפעסאר אדלער נעמט אן אלס דעם צענטראלן כח אינעם מענטשליכן דענקען דעם "געלטונגס-קאמף" (דער קאמף פאר מאכט און כבוד).

לויט זיין מיינונג באווייזט יעדער מענטש א מינדערווערטיגקייטס-געפיל ("אינפעריאריטי-קאמפלעקס"). אלע מענטשן פילן זיך קליין, און דערפאר שטרעבן זיי צו באקעמפן זייער לאגע. פאר דעם צוועק באנוצן זיי פארשידענע מיטלען: אמאל חנופה, אמאל שטאלץ, אמאל באשיידנקייט, אמאל פארברעכן און אמאל שאפונג. אלץ נאר כדי "צו געלטן".

פרויד און אדלער אונטערשיידן זיך דערמיט: דער ערשטער האלט פארן צענטראלן עלעמענטישן כח די עראטיק, דער צווייטער דעם "געלטונגס-קאמף". זיי אונטערשיידן זיך אויך דערמיט: פראפעסאר פרויד האלט די עראטיק פאר עלעמענטיש, נישט בלויז אינעם אינדיווידועלן מענטשליכן דענקען, נאר דער עלעמענטישער אינערליכער דראנג פאראורזאכט אויך די פאליטיש-היסטארישע געשעענישן. זי איז אויך א מאסן-פסיכאלאגיע. פראפעסאר אדלער'ס שיטה, דערקעגן, איז נאר אן אינדיווידועל-פסיכאלאגיע.

אבער ביידע האלטן, אז אויסער דעם פיזיאלאגישן פראצעס פונעם צענטראלן מח איז פארהאן אן עלעמענטישער זעלבסטבאשטימנדיגער כח, וואס איז באהאלטן אין די טיפענישן פון דער אינעווייניגסטער וועזנהייט.

אלזא, נישט די דרויסנדיגע נאטור-געזעצן זענען די באשטימנדיגע פאקטארן פונעם מענטשליכן באוואוסטזיין, ווי דער שפינאזיזם וויל האבן. נישט די מאטעריעלע אטאמען-באוועגונג, ווי דער מאטעריאליזם בכלל וויל האבן. נישט די עקאנאמיק, ווי דער מענטש-פראדוצענט, אלס געזעלשאפטליכער מיטגליד, ליגט אונטער אין אלע זיינע פסיכישע שאפונגען און האנדלונגען דעם צענטראלן כח פון דער עקאנאמיק, די פראדוציר-סיסטעמען, אלס פועל יוצא פונעם דיאלעקטישן מאטעריאליזם, ווי דער מארקסיזם וויל האבן. ס'איז דא א באזונדערער צענטראלער כח, וואס קומט פון די טיפענישן אינערהאלב דעם מענטש. דורך סובלימאציע קומט דא שוין צום אויסדרוק אין א געוויסער מאס די אויטאנאמיע פון דער אינעווייניגסטער וועזנהייט פונעם מענטש.

הגם פראפעסאר פרויד האט אומגעווארפן די דיאלעקטיש-מאטעריאליסטישע טעאריע פון מארקס, לויט וועלכער דער מענטש, אלס מענטש-פראדוצענט, אלס געזעלשאפטליכער מיטגליד, ליגט אונטער אין אלע זיינע פסיכישע שאפונגען און האנדלונגען דעם אויסערווייניגסטן צענטראלן כח פון דער עקאנאמיק, פון די פראדוציר-סיסטעמען, אלס פועל יוצא פונעם דיאלעקטישן מאטעריאליזם, האט אבער פראפעסאר פרויד ספעקולאטיוו-דאגמאטיש אויפגעשטעלט א צווייטן אינעווייניגסטן עלעמענטישן כח, די פרימיטיווע עראטיק.

פונקט ווי ביים דיאלעקטישן מאטעריאליזם, מארקסיזם, זענען אלע פסיכישע האנדלונגען פונעם מענטש, די גאנצע קולטור-היסטארישע דערשיינונגען, נישט מער ווי "צוגאבן", "איבערבויען". ווי מארקס זאגט: "אויף די פארשידענע פארמען פון אייגנטום, אויף די סאציאלע עקזיסטענץ-באדינגונגען, הייבט זיך אויף א גאנצער איבערבוי פון פארשידענע אייגנארטיגע געפילן, אילוזיעס און וועלט-אנשויונגען". דערפאר, האלט מארקס, זענען זיי צוזאמען מיט דער אנטוויקלונג פון דער עקאנאמיק "היסטאריש-פארגענגליכע פראדוקטן". פונקט אזוי איז אויך ביי פרויד די קולטור א צוגעקומענע "סובלימאציע", "א סוראגאט".

קעגן אים טרעט ארויס פראפעסאר שניאורסאן, וואס זאגט, אז דער פרוידיזם איז פסיכאפאטאלאגיש ריכטיג, אבער נישט פסיכאלאגיש. דאס הייסט, ער איז נאר ריכטיג פאר קראנקע מענטשן, אבער נישט פאר געזונטע. דעריבער איז די פסיכאאנאליז ווי דאס סדום-בעט, וואס וויל צופאסן די גאנצע מענטשהייט צום כלומרשטן עלעמענטישן צענטראלן כח פון עראס, פונעם אינערליכן פרימיטיוון דראנג צו סעקסועלער ליידנשאפט.

ביי פראפעסאר שניאורסאן איז שעפערישקייט א פועל יוצא, נישט פון וועלכער ס'איז סובלימאציע. קולטור-שאפונג איז נישט קיין פראדוקט פון א "צוגעקומענער סובלימאציע", פון א "סוראגאט", ווי דאס איז ביי פרויד אלס פועל יוצא פון פרימיטיווער עראטיק, ווי ביי אדלער פון מינדערווערטיגקייטס-געפיל, און ווי ביי מארקס, ווי ער רופט עס אן "צוגאבן" און "איבערבויען", אלס סובלימאציע פון

עקאנאמיק. קולטור איז א פועל יוצא פונעם שעפערישן אורדראנג ביים מענטש, וואס ווערט קריסטאליזירט אינעם קאמף צווישן שפילדראנג און ארבעטסדראנג.

די טורמע-ווענט וואס דער דיאלעקטישער מאטעריאליזם האט אויפגעשטעלט פאר דער מענטשליכער נשמה, ווערן אונטערגעבראכן דורך דער פסיכאלאגישער וויסנשאפט אין דער לעצטער צייט, איבערהויפט דורך דער מענטש-וויסנשאפט פון פראפעסאר שניאורסאן.

דער מארקסיזם האט אנשטאט די עטיש-קאטעגארישע אימפעראטיוון פונעם איבערוועלטליכן, אין-סוף'דיגן רוף, פון "לא עליך המלאכה לגמור, ולא אתה בן חורין להפטר ממנה", אויפגעשטעלט אן אינטערעסן-עטיק. ער הייסט דעם מענטש-פראלעטאריער זיך פארלאזן אויף דער "מאראל" פונעם דינאמא-"בורא עולם", וואס ארבעט שוין לויט זיינע באשטימטע געזעצן פארן אינטערעס פונעם פראלעטאריער. דעם מענטשנס אויפגאבע דארף זיין צו ארבעטן אינעם אינטערעס פונעם דינאמא-"בורא עולם".

אט די דאגמאטיזירונג וואס בינדט דעם פרייען שעפערישן ווילן ביים מענטש, ווערט, ווי פראפעסאר שניאורסאן זאגט, פרימיטיוו-אויסטערעריש. די רעליגיעז-מעטאפיזישע עטיק, דערקעגן, וואס קומט פון דער אינערליכסטער אויטאנאמער וועזנהייט, פון דער פרייער פערזענליכקייט, פונעם אינעווייניגסטן "איך", וועקט און דערהויבט צו שעפערישקייט. די עטיק איז דינאמיש, זי דערהויבט דעם מענטש צו העלדיש-פאטעטישן אויפשוואונג.

מארקס האט אנגעוויזן די היסטארישע אנטוויקלונג פון דער מענטשליכער געזעלשאפט. אבער די היסטארישע אנטוויקלונג הייסט די אנטוויקלונג פונעם מענטשליכן לעבן, נישט בלויז ווי זי קריצט זיך איין אין אונזערע חושים'דיגע געדאנקען, נאר אויך די היסטארישע אנטוויקלונג פונעם מענטשליכן אינעווייניגסטן לעבן, פונעם מענטשליכן "דינג אן זיך", פונעם אינעווייניגסטן "איך", וואס דער דיאלעקטישער מאטעריאליזם וויל נישט אנערקענען פאר קיין סיבה.

דעריבער קען נאר זיין אן אלץ-ארומנעמנדיגער אמת, נאר אזא וועלט-אנשויונג וואס זאל ארומנעמען און גלייכשטעלן אלס א סיבה דעם אינעווייניגסטן ווילנסקראפט, אויסער און איבער דער קראפט פון דער דינאמא-געטשקע.

די פרייע ווילנסאקטן פון שעפערישע יחידים, וואס זענען א חלק אלוה ממעל, זענען סיבות אין דער היסטארישער אנטוויקלונג פון דער מענטשליכער געזעלשאפט.

## III

ווען מיר טרעטן ארויס קעגן דער דיאלעקטיק, זענען מיר נאר קעגן דער דיאלעקטיק אלס אבסאלוטער כח, אלס דער "בורא עולם", ווי דער מארקסיזם וויל האבן. דערקעגן האלטן

מיר, אז דיאַלעקטיק קען זיין א מעטאדע פאר וויסנשאפטליכער פאַרשונג, דורך וועלכער מען זאל קענען ארויסברענגען געוויסע רעלאַטיווע פעסטשטעלונגען, וואס זאלן דינען אלס הילפסמיטלען אויפן וועג צום אבסאלוטן.

דיאַלעקטיק איז נישט אינגאנצן קיין אריגינעלע אנטדעקונג פון מארקס. זי נעמט נאך איר אנשפאר אין דער גריכישער סאפיסטיק. אריגינעל איז זי נאר דערמיט, אז ביי די סאפיסטן, אזוי אויך אין איר ווייטערדיגער פארפולקאמונג ביז מארקס, האט זי געהאט צו טון מיט אבסטראַקטע באגריפן. דערקעגן ביי מארקס מיט קאנקרעטע באגריפן.

די גריכישע סאפיסטן האבן אין זייער טעאריע געגעבן א סיסטעם פון באגרינדן א געוויסע טעזע און אין דער זעלבער צייט זי נעגירן, כדי צו באווייזן די נישט-זיכערקייט פון דער מענטשליכער דערקענטניש. זייער ציל איז געווען סקעפּטיציזם, צווייפלען אין אלעם.

אויסער דעם וואס זיי האבן געצילט צו שטענדיגן סקעפּטיציזם, האבן זיי אויך באוויזן צו אנטוויקלען די דיאלעקטיק פונעם ווארט, וואס זאל קענען באווייזן יעדע זאך וואס איז, אז זי איז נישט. אזוי ארום האבן זיי שטארק אנטוויקלט די רעטאריק. אט די סאפיסטישע באגרינדונג פון יא אין ניין, ניין אין יא, איז שוין א געוויסער יסוד פון דיאַלעקטיק.

סאקראטעס האט טאקע שטארק באקעמפט די סאפיסטן אלס בלויזע ווארט-זשאנגלערן, וואס זענען ארומגעפארן און האבן פאר געלט באוויזן די קונסט פון שיין רעדן, פון אויסארבעטן פארטיגע פארמולן צו נעגירן יעדע טעזע.

ס'איז געקומען די רעאקציע פון אריסטאטעלעס און פלאטאן, וואס האבן געגעבן פעסטערע יסודות פארן פילאזאפישן דענקען. זיי האבן דערפירט צו דער פונאנדערפאלונג פונעם סאפיזם.

דעקארט האט אפגעווארפן אלע פריערדיגע פילאזאפישע יסודות, איבערהויפט די אריסטאטעלישע, וואס זענען דאמאלט געווען דאמינירנדיג אין דער פילאזאפיע, און האט זיך פריש אנגעהויבן צו באנוצן מיט צווייפלען. דאס צווייפלען איז אבער ביי אים נישט געווען קיין ציל, ווי ביי די גריכישע סאפיסטן, נאר ער האט עס גענוצט פאר א מעטאדע, דורך וועלכער ער האט געזוכט צו געפינען דעם אבסאלוטן אמת. ווען ער האט געפינען דעם אמת, ווארפט ער אוועק דעם סקעפּטיציזם. דא קען מען זאגן, אז די גריכישע סאפיסטיק האט באקומען א געוויסן תיקון. זי איז פארפולקאמט געווארן דערמיט וואס ער האט געמאכט פון איר בלויז א מעטאדע, אבער נישט קיין ציל, ווי ס'קומט צום אויסדרוק אין זיין בוך "Discurse a la methode". אין זיין ווייטערדיגער אנטוויקלונג האט ער שוין אנגענומען די פארם פון טעזע, אנטיטעזע, סינטעזע, ווי מיר טרעפן זי אן ביי די שפעטערדיגע פילאזאפן ביז העגעל.

ביי די סאפיסטן איז דיאלעקטיק געווען נישט בלויז א מעטאדע, נאר אויך א שטענדיגער ציל. אזוי אויך ביי דעם מארקסיזם איז די העגעלישע דיאלעקטיק אין זיין מאטעריאליסטישן תיקון אויך נישט בלויז א מעטאדע, נאר א שטענדיגער ציל, אן אבסאלוטער כח, אן אלעמענטישער "בורא עולם".

פונקט ווי ביי דעקארט איז די סאפיסטישע דיאלעקטיק געווארן בלויז א סיסטעם, א מעטאדע, די יא-אין-ניין און ניין-אין-יא דיאלעקטיק איז ביי אים בלויז א מיטל צו דערגיין צום ציל. ווען ער דערגרייכט צום ערשטן געזעץ, "אז כ'דענק, ממילא עקזיסטיר איך" ("Cogito ergo Sum"), ווארפט ער אוועק דעם סקעפטיציזם, דאס צווייפלען. פונקט אזוי זאגן מיר בנוגע דער דיאלעקטיק אין מארקסיזם, אז זי קען נאר זיין א מעטאדע, א גוטע אדער א שלעכטע, אבער נישט דער אבסאלוטער כח אין דער נאטור. דיאלעקטישער מאטעריאליזם איז נישט דער אלעמענטישער "בורא עולם".

דער סאפיזם פון אמאל האט געדינט פאר די רייכע בירגער פון אטען פאר א סאלאן-דיאלעקטיק. זיי האבן פאר געלט זיך איינגעקויפט ביי די גריכישע סאפיסטן פארטיגע פארמולן, מיט וועלכע זיי זאלן קענען אומווארפן, אין פארלויף פון א קורצער צייט, יעדע פעסטגעשטעלטע טעזע, כדי זיי זאלן זיך נישט דארפן פארטיפן, זיי זאלן נישט דארפן אנשטרענגען זייערע ווילנס. און אז זיי האבן אויף אלעם א פארטיגע פארמול, אט די דאגמאטיזירונג האט געברענגט צו דער פאראליזירונג פון די מענטשליכע ווילנס, וואס מוזן, אנשטאט ווערן שעפעריש, ווערן צושטערעריש.

פונקט אזוי איז אויך די דיאלעקטיק אין מארקסיזם דאגמאטיזירט געווארן, דערקלערט געווארן אלס אבסאלוט, אלס דער אלעמענטישער כח, אונטער וועמען דער מענטש איז אונטערגעווארפן.

ער בינדט און פאראליזירט דעם פרייען שעפערישן ווילן ביים מענטש, דעם פרייען שעפערישן אויפשוואונג פון דער אינעווייניגסטער וועזנהייט, פונעם אינעווייניגסטן "איך", וואס ער אנערקענט בכלל נישט.

דער דאגמא, וואס דערקלערט זיך אלס אבסאלוט, טוט דאך אונטערארדענען דעם מענטשנס ווילן צו זיין "ווילן", די מענטשליכע מאראל צו זיין "מאראל", די מענטשליכע לאגיק צו זיין "לאגיק". ווייל דער דינאמא-"בורא עולם" האט זיך זיין אייגענעם "ווילן", "מאראל" און "לאגיק", לויט וועלכע ער ארבעט און שאפט.

אט די דאגמאטיזירונג מוז ברענגען צו איר אייגענער צושטערונג, פונקט אזוי ווי די אור-אנטשטייונג פון דיאלעקטיק, דער סאפיזם, האט זיך אליין דערפירט צו זיין פונאנדערפאלונג. די דיאלעקטיק אין איר הייגטיגער מאטעריאליסטישער פארם, ווי זי איז אין מארקסיזם, מוז פונקט אזוי אויך דעגראדירט ווערן, מוז קומען צו זיין פולשטענדיגער פונאנדערפאלונג, וואס איז אגב שוין דער זינס-ארט פון דיאלעקטיק אליין. דיאלעקטיק קען נאר זיין א מעטאדע פון פארשן, און אירע אויספירן זענען נאר רעלאטיווע, אבער קיינמאל נישט קיין אבסאלוטע, ווי דער מארקסיזם וויל האבן.

דער פרייער ווילן, אלס פראדוקט פון א העכערער ידיעה, רייסט זיך אריין איבער די געזעצן פון דיאלעקטישן מאטעריאליזם.

גראדע דער דעטערמיניזם, וואס קומט אלס א וויסנשאפטליכע נעגאציע פונעם פרייען ווילן, איז אליין, נישט ווילנדיג, א באשטעטיגונג פאר אונזער טעזע פונעם פרייען ווילן, פונעם פרייען שעפערישן כח אינעם מענטש, אלס דער פראדוקט פון א העכערער ידיעה.

דעטערמיניזם הייסט: די לערע וועגן דער פאראורזאכטקייט און באשטימטקייט פון ווילן און האנדלונג. די פאראורזאכונג קען זיין דורך פארשידענע סיבות, אבער יעדנפאלס באשטימט דורך סיבות, נישט סיבותלאז, נישט אן און פאר זיך.

וועגן די סיבות וואס באשטימען דעם מענטשליכן ווילן, די מענטשליכע האנדלונגען, זענען דא פארשידענע מיינונגען. א טייל האלטן, אז די סיבות זענען אויסערליכע (אויסער דעם מענטש שטייענדיג), ווי למשל נאטוראליסטישע (שפינאזא), עקאנאמישע (מארקס), און א טייל האלטן, אז די סיבות זענען אינעווייניגסטע (אינערהאלב דעם מענטש), ווי למשל "ליבידא-קאמפלעקס" (פרויד), "אינפעריאריטי-קאמפלעקס" (אדלער). אבער אלע האלטן, אז דער מענטשליכער ווילן איז באשטימט, איז פאראורזאכט, און זענען אנהענגער פונעם דעטערמיניזם (דעטערמינאציע הייסט באשטימונג, פאראורזאכונג).

גראדע דער דעטערמיניזם קען דינען אלס באוויז, אז אין דעם פראגרעס פונעם מענטשליכן וויסן טוט דער מענטש אליין שאפן זיינע לעבנספארמען, נישט ווי אנגעווארפענע, ארויפגעצוואונגענע פון דרויסן, נאר אלס פראדוקט פון זיינע אייגענע אינעווייניגסטע פרייע שעפערישע כחות, ווי א שותף למעשה בראשית.

אז שוין דער דעטערמיניזם איז א טיר וואס פירט אונז אריין צום פרייען ווילן, קען מען זען ווען מען דעפינירט דעם אונטערשייד צווישן פאטאליזם און דעטערמיניזם.

דער פאטאליזם האט געהאלטן, אז אלעס וואס געשעט אין דער וועלט איז בלויז א בלינדער צופאל. יעדעס געשעען האבן זיי דערקלערט מיטן תירוץ "ס'האט זיך אזוי געמאכט", און אלע מענטשליכע באמיאונגען זענען ציללאז, ווייל דער מענטש קען גארנישט אויפטון.

דער דעטערמיניזם פונעם דיאלעקטישן מאטעריאליזם, וואס שטיצט זיך אויף קאוזאליטעט, אויף דער קייטלונג פון אורזאך און פאלגע, הגם אויך ער האלט, אז דער מענטשליכער ווילן ליגט אונטער די געזעצן פון קאוזאליטעט, אנערקענט ער אבער פון דער צווייטער זייט, אז דער מענטש, ווען ער פארשטייט די סיבות, וואס לויטן דיאלעקטישן מאטעריאליזם זענען זיי אויסערליכע-עקאנאמישע, זענען שוין זיינע באמיאונגען נישט ציללאז.

די קאוזאליטעט, ווי אלע אנדערע נאטורגעזעצן, זענען געזעצן וואס דער מענטשליכער געדאנק האט פארמולירט פאר דער נאטור. ער איז איר געזעצגעבער. ער שאפט די געזעצן כדי צו אנטאייגענען דעם גאנצן נאטור-זיין פאר אונזער באוואוסטזיין, כדי זיי זאלן קענען דינען אלס מיטלען פאר אונזערע צילן.

דער פאטאליזם, וואס האט געזען אין דער נאטור בלויז צופאל און קאפריז, האט אזוי ארום נישט געקענט דינען די מענטשליכע צילן און האט געפירט דעם מענטש צו סקעפטיציזם, צו אומגלויבן אינעם מענטשליכן שעפערישן כח. ערשט דער דעטערמיניזם, וואס האט אנשטאט בלויזן צופאל געזען אין דער נאטור געזעצן פון סיבה און פאלגע, האט צוריקגעקערט אין א געוויסער מאס דעם מענטשנס דינאמישע שעפערישקייט, ווי דער מענטש קען, ווען ער דערקענט די געזעצן, שאפן מיט זיך אליין. צי דען זעט מען שוין דא אליין נישט א געוויסע באשטעטיגונג פון אונזער טעזע, אז פון ידיעה קומט מען צו בחירה? ווייל אנשטאט די סטאטישע קאנטעמפלאציע, אין וועלכער דער פאטאליזם האט ארייגעפירט דעם מענטש, האט דער דעטערמיניזם דוקא, אלס פראדוקט פונעם ווייטערדיגן וויסנשאפטליכן פראגרעס, אלס די שטייגערונג אין א גרעסערער מאס פון ידיעה, צוריקגעגעבן דעם מענטש זיין חשיבות.

אט דער איבערגאנג פון פאטאליזם צו דעטערמיניזם באווייזט דעם איבערגאנג פון ידיעה צו בחירה, פון פראגרעסיווער וויסנשאפטליכער דערקענטניש צו פרייען ווילן.

אויב דער דעטערמיניזם האט, קעגן דעם פאטאליזם, אפגעגעבן מער כבוד, צוגעשריבן מער חשיבות דעם מענטש, האט ער עס געטון אין א זייער באגרעניצטער מאס, ווייל סוף כל סוף האט ער דאך אים נישט צוריקגעגעבן זיין פרייען ווילן, זיין פערזענליכקייט. דער דעטערמיניזם האט נאר, ווי שוין דערמאנט, אנגעוויזן א באגרעניצטע ראל, אז דער מענטש קען נאר פארשטיין און זיך צופאסן. דאס הייסט, אז ווילן ווערט רעדוצירט צו וויסן, און נישט פון פארשטיין קומען צום פרייען ווילן, ווי ס'הייסט לויט די רעליגיעז-פילאזאפישע אויפפאסונג, פון ידיעה צו בחירה.

דעטערמיניזם האט, ווי די גאנצע קאוזאליטעט-וויסנשאפט בכלל, געהייסן דעם מענטש זען אומעטום געזעצן. אזוי ארום האט זיך דער מענטש פארלוירן אינעם לאבירינט פון די דורך אים אליין געשאפענע געזעצן (ווייל וויסנשאפט איז דאך א מענטשליכער פראדוקט).

אבער מיר זאגן, אז דאס דאכט זיך אים, דעם מענטש, בלויז אזוי אויס. אדרבה, דאס ריכטיג פארשטיין די נאטורגעזעצן באווייזט אים גאר, אז אמת טאקע, יעדע פאלגע איז א פראדוקט פון א פריערדיגער אורזאך, אבער דער מענטשליכער ווילן קען אליין זיין א סיבה, וואס זאל באווירקן אין באציאונגען אלע דערשיינונגען. די קאוזאליטעט-וויסנשאפט באצווינגט נישט דעם מענטשליכן ווילן, נאר באפרייט אים פון פאטאליזם און פירט אים צו פרייער שעפערישער טעטיקייט.

ווי מיר זעען, ליגט אויך אינעם דעטערמיניזם, פונקט ווי מיר האבן אנגעוויזן ביי אלע נאטור-פילאזאפישע אפצווייגונגען, דער הויפט-חסרון דערין וואס ער נעמט אן די אויספירן אלס אבסאלוטע. דערפאר, פונקט ווי דער מענטש האט זיך פריער פארלוירן אינעם לאבירינט פון א פרימיטיוון פאטאליזם, אזוי אויך פארלירט זיך דער מענטשליכער "איך" אינעם לאבירינט פון די דורך אים פארמולירטע געזעצן, פאר וועלכע ער בוקט זיך. און פונקט אזוי ווי מיר האבן שוין אנגעוויזן ביי אלע אנדערע וויסנשאפטליכע אפצווייגונגען, האט זייער ווייטערדיגע, פארטזעצנדע אנטוויקלונג באוויזן אפצולייקענען די פריערדיגע אבסאלוטע געזעצן. פונקט אזוי אויך זענען מיר היינט צו טאג עדות צו א פונאנדערפאל פונעם איין-פעסטן קאוזאליטעט-געזעץ אינעם דעטערמיניזם.

דער גרויסער מאטעמאטיקער און פיזיקער הייזענבערג, וואס איז לעצטנס באקאנט געווארן ביים ברייטן עולם א דאנק דער נאבעל-פרעמיע וואס ער האט באקומען, איז דערגאנגען אין זיינע מאטעמאטישע פארשונגען צו א רעוויזיע פונעם סיבה-און-ווירקונג געזעץ. הייזענבערג האט אויסגעפונען און עקספערימענטאל באוויזן, אז מיר ווייסן נישט און קענען נישט וויסן גענוי די קעגנווארט. ממילא איז פאלש די דעטערמיניסטישע הנחה, אז ווען מען קען די סיבה, קען מען גענוי פאראויסזען די ווירקונג, די פאלגע.

און ממילא איז פאלש די מארקסיסטישע הנחה, אז מען קען פאראויסזאגן פון דער קעגנווארט מיט א גענויע פונקטליכקייט די צוקונפט. זי איז פאלש, ווייל מיר קענען קיינמאל נישט וויסן גענוי די סיבה, די קעגנווארט.

דער מארקסיסטישער דעטערמיניזם דעטערמינירט דעם מענטשליכן ווילן אלס דאס באוואוסטזיין פון אויפנעמען און דערקענען די נאטורגעזעצן. ווען ער דערקענט די נאטורגעזעצן, ליגט ער אונטער זיי. דער מענטש ווייסט בלויז ווי ער דארף ריכטן זיינע באמיאונגען, אבער ער איז נישט פריי אין זיינע האנדלונגען. דא טרעפט זיך ווייטער דער מארקסיזם צוזאמען מיט שפינאזאס אויפפאסונג, וואס איז, ווי מיר האבן שוין אויבן אנגעוויזן, א פארטזעצונג פון אים. שפינאזא זאגט ("עטיק", צווייטער טייל, לעצטער שלוס-זאץ): "ווילן און פארשטאנד איז איינס און דאס זעלבע", ווייל ער האלט, אז דער מענטש קען נאר פארשטיין די נאטור און נישט פריי האנדלען.

שפינאזא האט זיין ג-ט באגריף, די סובסטאנץ, איינגעשלאסן אלס אן אימאנענטע, פאראלעל-לויפנדע סיבה צוגלייך מיט מאטעריע. ער אנערקענט נישט קיין שום טראנסצענדענטע, איבערנאטורליכע סיבה. אלעס איז ביי אים איינגעשלאסן אין רוים און צייט. דערפאר האט ער נישט אנערקענט קיין שום פרייהייט פונעם ווילן, ווייל אלעס איז אפהענגיג פון אימאנענטע, רוים-און-צייטליכע מעכאנישע געזעצן פון דער נאטור.

קאנט האט, אין קעגנזאץ צו שפינאזא, אויסער דער אימאנענט-מעכאנישער קאוזאליטעט, ווי ער באגרינדעט זי אין ק. פ. ד. ר. פ., אויך צוגעלאזט א

טראנסצענדענטע, אויסער-זינפערנעמליכע, איבערצייטליכע, איבערנאטורליכע עקזיסטענץ (ווי ס'קומט צום אויסדרוק אין ק. פ. ד. פ. פ.).

קאנט זאגט, אז דער מענטש, אלס דער האמא-סאפיענס, קען אין זיין גייסטיגער שטייגערונג, אין דער איבערנאטורליכקייט, דערפילן זיין פרינציפיעלע פרייהייט, וואס קען ווערן אנערקענט פון זיך אויס. ער קומט צו דעם אויספיר דורך דעם מאראליש-קאטעגארישן אימפעראטיוו, וואס ער געפינט ביים מענטש, דורך וועלכן ער דרינגט אגב אויך ארויס די אומשטערבליכקייט און די ג-ט עקזיסטענץ. און דא, ווי מיר האבן שוין באמערקט, קומט קאנט זיך צוזאמען אין א געוויסער מאס מיט די אידישע רעליגיעזע פילאזאפן, וואס האלטן, אז דורך ידיעה קומט מען צו בחירה.

אבער פונקט ווי שפינאזא, וואס האט אנערקענט גייסט אלס א לויפנדע סיבה פאראלעל צו מאטעריע און נישט געלאזט איינע ארויסלויפן פון דער צווייטער, אזוי האט אויך קאנט, וואס אנערקענט יא שוין די גייסטיגע עקזיסטענץ אלס א טראנסצענדענטע סיבה, און אלס פועל יוצא דערפון אויך דעם פרייען ווילן, אבער אויך אנערקענט דעם פרייען ווילן אלס פאראלעל-לויפנדיג צוגלייך מיט דער נאטורליך-מעכאנישער קאוזאליטעט, און נישט געלאזט די צווייטע ארויסלויפן פון דער ערשטער.

דער מארקסיזם, וואס נעמט אן די קאנטישע מעכאנישע קאוזאליטעט פון פאלגע און אורזאך, האט בכלל אפגעווארפן וועלכע ס'איז טראנסצענדענטע סיבה, ממילא אויך דעם פרייען ווילן, וואס קאנט אנערקענט יא, און האט אים אונטערגעווארפן דער מעכאנישער קאוזאליטעט. פונקט אזוי ווי ער האט, ווען ער האט אנגענומען די העגעלישע דיאלעקטיק, אפגעווארפן די אבסאלוטע אידעע אויף וועלכער העגעל באזירט די דיאלעקטיק, אזוי אויך דער דיאלעקטישער מאטעריאליזם, וואס האט זיך ארויסגעשיילט פון שפינאזיזם, האט אפגעווארפן די גייסטיגע סיבה אלס א פאראלעל-לויפנדע, וואס שפינאזא אנערקענט יא אלס צוגלייך, און האט זי דערקלערט אלס א סעקונדארן פראדוקט פון דער פרימא-קאוזא מאטעריע.

דערפאר איז, אין קעגנזאץ צום קאנטישן, ביים מארקסיסטישן דעטערמיניזם בכלל נישטא קיין פלאץ פאר פרייען ווילן.

דער רעליגיעז-עטישער סאציאליזם שטרעבט צו רעוואלוציאניזירן יעדן יחיד, יעדן באזונדערן אינעווייניגסטן "איך" ביים מענטש. דער באגריף מאסע, לויט וועלכן יעדער יחיד איז כלומרשט בלויז א טיילכל פון איר, איז אן אויבנאויפיקער אבסטראקטער באגריף, ווייל אין דער ווירקלעכקייט באשטייט יעדע מאסע פון יחידים מיט פרייע ווילנס, וואס שאפן און געשטאלטן די היסטאריע.

דער וויסנשאפטליכער סאציאליזם איז נאר וויסנשאפטליך אין דער סאציאל-עקאנאמישער אנטוויקלונג, אויף וויפיל זיי זענען באדינגונגען פאר דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג פון דער סביבה.

גניאל איז מארקס געווען מיט זיין מערוועטרט-טעאריע, ווי ער האט באוויזן פון וואנען דער מערווערט נעמט זיך. ער האט מיט זיין שארפן בליק אריינגעקוקט אין די הינטער-קוליסן פון דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג און אויף א גניאלן אופן אנטפלעקט פארן ארבעטער דעם טיפסטן מקור פון זיינע ליידן, די עקספלאטאציע אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט.

אבער בנוגע דעם מענטשליכן גייסטיג-פסיכישן לעבן איז ער בכלל נישט וויסנשאפטליך, ווייל ווען ער איגנארירט דעם פרייען ווילן, דעם אומארעדוצירבארן, דעם דעטערמינירלאזן ספעריש-העכערן אורכח, איז ער ממילא פאטאליסטיש. ער דערקלערט טאקע, אז ביי פאסנדע באדינגונגען וועט שוין דער מענטש "ממילא" האלטן סאציאליסטיש. דער דינאמא ארבעט לויט זיין אייגענער "מאראל", אונטער וועמען דער מענטש מוז זיין אונטערגעווארפן.

דער דיאלעקטישער מאטעריאליזם פירט, ווי פראפעסאר שניאורסאן ווייזט אן, צו קולטור-פאטאליזם, דאס הייסט צו דער באהויפטונג וועגן "פאטאלע אומבאהערשבארע אומרעגולירבארע כחות פון קולטור און איר ווירקונג אויפן מענטש", ווייל קולטור איז דאך לויטן מארקסיזם, לויטן וויסנשאפטליכן סאציאליזם, א פועל יוצא פון די פראדוציר-סיסטעמען. אבער יעדע קולטור-שאפונג איז נישט צופאל, פאטום, נאר דורכאויס אן עמאנאציע פון דער אינעווייניגסטער שעפערישער ווילנסקראפט.

מארקס האט געזאגט, אז קיינעם וועט נישט איינפאלן צו קלערן ווי אזוי מען פאנגט פיש דארט וואו קיין וואסער איז נישטא. דאס איז נאר ריכטיג, אז באדינגונגען שפילן א וויכטיגע ראל אינעם קאמף פארן מענטשליכן עקזיסטענץ. דערפאר טאקע מוז מען זען איינצופירן אזעלכע באדינגונגען, ווי דער מענטש זאל זיך קענען פריי אויסלעבן זיין מענטשליך-עטיש לעבן. אבער דאס הייסט נישט, אז גייסטיגע קולטור-שאפונגען, ווי עטיק, קונסט, זענען פועל יוצא'ס פון די פראדוציר-סיסטעמען, פון די עקזיסטענץ-באדינגונגען. ניין, ווייל אין יעדן מענטשליכן קאמף פאר עקזיסטענץ איז אלעמאל קודם כל געווען דער קאמף פאר א בעסערער, פאר א שענערער עקזיסטענץ. און אט דער קאמף פאר בעסערס, העכערס און שענערס איז א פועל יוצא פון די אינעווייניגסטע רעליגיעז-עטישע אימפעראטיוון.

## IV

מארקס און ענגעלס, אינעם "קאמוניסטישן מאניפעסט",ווארפן די לאזונג: "די פראלעטאריער קענען אין איר גארנישט פארלירן, אויסער זייערע קייטן". זיי גייען ארויס פונעם שטאנדפונקט, אז יעדע עקאנאמישע סטרוקטור שאפט זיך איר קולטור, וואס איז נישט מער ווי אירע "איבערבויען" און "צוגאבן", וואס זענען צוגלייך מיט די עקאנאמישע סטרוקטורן היסטאריש-פארגענגליך. דערפאר טיילט זיך די קולטור אויף בורזשואזע און פראלעטארישע. עטיק איז פאראן א בורזשואזע און א פראלעטארישע,

דאס זעלבע מיט פילאזאפיע, ליטעראטור און קונסט. רעליגיע ווערט דערקלערט בכלל אלס אן אויסטראכטעניש פון דער בורזשואזיע. איז דאך ממילא, אז מיטן קאמף קעגן דער עקאנאמישער סטרוקטור פון דער בורזשואזיע מוז אויך געפירט ווערן דער קאמף קעגן דער גאנצער קולטור-שאפונג פון דער בורזשואזער געזעלשאפט. צוגלייך מיט דער שנאה צו דער אונטערשטער מוז אויך זיין שנאה צו דער צווייטער, אלס איר "איבערבוי". "דער פראלעטאריאט האט נישט קיין אייגנטום; זיין באציאונג צו ווייב און קינדער איז גאנץ פארשידן פון יענע באציאונגען וואס הערשן אין בורזשואזן לעבן; די מאדערנע אינדוסטריעלע ארבעט, די מאדערנע שקלאפעריי אונטערן יאך פון קאפיטאל (אין ענגלאנד אזוי גוט ווי אין פראנקרייך, אין אמעריקע אזוי גוט ווי אין דייטשלאנד), האט ביי אים צוגענומען זיינע נאציאנאלע כאראקטעריסטישע שטריכן. געזעץ, מאראל און רעליגיע זענען געווארן פאר אים היפשפעליכע בורזשואזע פאראורטיילן, הינטער וועלכע עס לויערן פארמאסקירטע בורזשואזע אינטערעסן" ("קאמוניסטישער מאניפעסט").

דערפאר האלט דער מארקסיזם, אז די באפרייטע ארבעטער-קלאס וועט דורך איר קלאסן-קאמף, צוגלייך מיט דער צושטערונג פון דער אלטער ארדענונג, שאפן אויך א נייע קולטור, וואס וועט זיין ראדיקאל פארשידן פון דער בורזשואזער קולטור.

דער רעליגיעז-עטישער סאציאליזם האלט די סאציאל-עקאנאמישע טעטיקייטן נאר אלס באדינגונגען פאר די גייסטיגע קולטור-שאפונגען, אבער נישט אלס די פרימא-קאוזא. דער קאמף פאר א בעסערער סאציאלער ארדענונג איז באלד אין תוך א קאמף פאר בעסערע קולטורעלע מעגליכקייטן.

אנשטאט דער לאזונג פונעם "קאמוניסטישן מאניפעסט", "די פראלעטאריער קענען אין איר גארנישט פארלירן, אויסער זייערע קייטן", זאגן מיר: פראלעטאריער, וויל אין דיר, אז דו האסט וואס צו פארלירן. [מקור-נאטיץ: דער אויסדרוק "וויל אין דיר" איז אזוי געדרוקט אינעם מקור.] א גרויסן באגאזש פון קולטור-דערגרייכונגען, פון דורות-לאנגע מי און מאטערדיגע פארשונגען פירסט דו אריבער אויף דעם וועג צום סאציאליזם. דו דארפסט אים נאר אפהיטן פון א בייז אויג. אויך רעליגיע, פונקט ווי קולטור בכלל, שטערט נישט. פארקערט, זי העלפט און זי איז אומבאדינגט נויטיג פארן סאציאליזם. בלויז די פארקריפלונג פון איר מצד די רעאקציאנערע קלעריקאליסטן, און די איגנאראנץ, דער קאמף קעגן איר מצד די מארקסיסטן, שטערן די זאך.

אויב מאטעריאליסטישע פילאזאפיע, וויסנשאפט, ליטעראטור און קונסט בכלל האט נאך לויטן מארקסיזם אן עקזיסטענץ-בארעכטיגונג, אויף וויפיל זיי זענען פראלעטארישע, אויף וויפיל זיי דינען דירעקט די פראלעטארישע אינטערעסן, האט אבער לויט אים די גאנצע אידעאליסטישע וועלט-אנשויונג, ווי רעליגיע, מעטאפיזיק און מעטאפיזישע עטיק בכלל, שוין נישט קיין עקזיסטענץ-בארעכטיגונג אין דער פראלעטארישער געזעלשאפט, ווייל זיי זענען "בורזשואזע פאראורטיילן". דערפאר

פירט דער מארקסיזם א קאמף קעגן רעליגיע, מעטאפיזיק און מעטאפיזישער עטיק, קעגן דער גאנצער אידעאליסטישער וועלט-אנשויונג.

די מארקסיסטישע אויפפאסונג וועגן פראלעטארישער קולטור און בורזשואזער קולטור איז דורכאויס א פאלשע, ווייל וועגן אלע באשטאנדטיילן פון קולטור, ווי פילאזאפיע, וויסנשאפט און קונסט, קען מען נישט אנווענדן די פאליטישע און סאציאלע באגריפן פון קלאסן-אידעאלאגיע. "צו וויסנשאפט קען מען נישט צוגיין מיט קיין קלאסן-שטאנדפונקט. עס איז נישטא קיין וויסנשאפט פון פראלעטארישער פיזיק, וואס זאל אוועקשטעלן אירע הנחות אין קעגנזאץ צו די יסודות פון בורזשואזער פיזיק."

"וואס ס'איז שוין פילאזאפיע, זענען פאראן מארקסיסטן וואס ווילן זיך גערן אונטערשרייבן אונטער דער באקאנטער פראזע פונעם האלאנדישן מארקסיסט פענעקוק, לויט וועלכער די געשיכטע פון פילאזאפיע ביז צו אונזער צייט איז נישט מער ווי די געשיכטע פון בורזשואזן דענקען. אבער אויב דאס איז אזוי, זענען מיר בארעכטיגט צו פרעגן און צו פאדערן אן ענטפער: וואו מיר זאלן זוכן פראלעטארישע פילאזאפיע, אויב מיר האבן א רעכט צו זאגן, אז די גאנצע אסטראנאמיע פון אמאל און איצט איז בורזשואזע אסטראנאמיע. עס איז אבער א גרויסער ספק צי ד"ר פענעקוק, וואס איז א פראפעסיאנעלער אסטראנאם, וועט צוגעבן, אז די מאטעמאטישע פארמולעס, מיט וועלכע ער באנוצט זיך טאג איין, טאג אויס אין זיין אבסערוואטאריע, האבן ערגעץ וואו אין זיך א באהאלטענעם אנטי-פראלעטארישן עלעמענט. וואס דארף מען ווייט גיין? די מארקסיסטישע סאציאלאגיע האט אין איר צייט אליין אויך געבארגט פון דער בורזשואזער פילאזאפיע אירע אלע הויפט פילאזאפישע השערות, איר טעאריע פון וויסן און איר דיאלעקטיק" (ה. דע מאן).

נישט בלויז מיט פילאזאפיע און וויסנשאפט איז עס אזוי, נאר אויך וועגן קונסט קען מען נישט אנווענדן די קלאסן-אידעאלאגיע און רעדן וועגן א פראלעטארישער אדער בורזשואזער קונסט. ווייל די גאנצע מאדערנע קולטור, און באזונדערס די סאציאליסטישע קולטור, מוז ציען איר יניקה, אינספיראציע, פון דער קולטור-פארגאנגענהייט, פונקט ווי די געשאפענע קונסט פון סאציאליסטישע דיכטער טוט אויך באאיינפלוסן די גאנצע בורזשואזע קולטור.

"העדריעטא ראלאנד האלסט, די האלאנדישע דיכטערין, וואס האט יארן לאנג געארבעט אויף א מארקסיסטישער טעאריע פון עסטעטיק, צוזאמען מיט איר פריינט הערמאן גארטער (א מארקסיסט שבמארקסיסט), האבן ביידע מיט זייער סאציאליסטישער קונסט איינגעפירט נייע געזעצן פאר דער גאנצער ליטעראטור פון זייער לאנד" (ה. דע מאן).

דער מארקסיזם מיט זיין דינאמא-אבסאלוט, וואס איגנארירט און באקעמפט יעדע מין אידעאליסטישע וועלט-אנשויונג, און אפשיטא שוין רעליגיע און מעטאפיזישע עטיק, און דערקלערט זיי אלס "בורזשואזע פאראורטיילן" (ווייל זיי האבן גארנישט קיין

שייכות מיט דער סאציאַליסטישער אָרדענונג), איז מיט דער פעסטשטעלונג נאָך פאַלשער ווי די הנחה וועגן פּראָלעטאַרישער קולטור און בורזשואַזער קולטור.

אויב פילאָזאָפיע און קונסט קען מען נאָך אפשר אויף אַ שיינבאַרן אופן טיילן און קלאַסיפיצירן אויף בורזשואַזער און פּראָלעטאַרישער, הגם אויך דאָס איז נאָר איינגעבילדעט, ווייל זיי האָבן דאָך אַ שייכות מיט דעם מענטש און מענטשן, אין דעם טיפערן זין פון פילאָזאָפיע און אין דעם "אינטואיציאָן אינען" [מקור-נאַטיק: דער אויסדרוק איז אַזוי געדרוקט אינעם מקור.] פון קונסטלער איז דאָך עפּעס מער ווי דאָס זעקל-ביינער, וואָס לאָזט זיך קוואַליפיצירן און קלאַסיפיצירן אויף בורזשואַ און פּראָלעטאַריער. ווייל די קלאַסיפיקאַציעס פון בורזשואַ און פּראָלעטאַריער זענען היסטאָרישע דעפיניציעס, און מענטש איז פיל היילִיגער און פיל אייביגער ווי פּראָלעטאַריער. ס'איז געווען אַ צייט ווען ס'איז נאָך נישט געווען דער קלאַסישער פּראָלעטאַריער. ס'וועט קומען אַ צייט, אַ גליקליכע צייט, ווען ס'וועט שוין לאַנג נישט זיין קיין פּראָלעטאַריער. ס'וועט זיין אַ קלאַסן-לאָזע געזעלשאַפט, און מענטש וועט דאַן ווייטער און ערשט זיין. דעריבער קען מען נישט, אין טיפערן זין, פילאָזאָפיע און קונסט קלאַסיפיצירן און טיילן אויף בורזשואַזער און פּראָלעטאַרישער, נאָר מענטשליכע קולטור. אפשיטא שוין רעליגיע און עטיק, וועמענס סכעמעס זענען פיל אומענדליכער און אייביגער, ווייל זיי באַזירן טאַקע אויפן אַבסאָלוט, אויפן אין-סוף'דיגן. זיי קענען דאָך אודאי נישט אונטערפאַלן קיין היסטאָרישע דעפיניציעס און קענען פון זיי נישט ווערן אָפּגעפּרעגט.

"פיל סאָציאַליסטישע דענקער האָבן געזוכט אויסצוגעפינען, ווי ס'האָבן עס געזוכט אויך זייערע בורזשואַזע קאָלעגן, שייכות'ן צווישן סאָציאַלער אַנטוויקלונג און צווישן די ענדערונגען אין די פאָרמען פון רעליגיעזע און מאָראַלישע סענטימענטן. יעדער אַרגומענט וואָס זיי האָבן געבראַכט אַלס באַווייז, אַז עטיק הענגט אָפּ פון דער סאָציאַלער סטרוקטור און פונעם פאַלקס אַלגעמיינער ציוויליזאַציע, איז אין תוך געווען אויך אַן אַרגומענט קעגן זייער טעאָריע, אַז עטיק הענגט אָפּ פון אַ באַשטימטער קלאַסן-פּאָזיציע."[6]

די געבראַכטע ציטאַט איז פון ה. דע מאַן. ער זאָגט דאָרט ווייטער, אַז אַלע וויסנשאַפטן וואָס זענען געשאַפן געוואָרן וועגן עטיק, מיט קאַרל קאַוטסקיס "עטיק" בתוכם, מיידן אַלע אויס די פראַגע פון תוך און פון יסוד. דאָס הייסט: "די וויסנשאַפט קען העכסטנס פעסטשטעלן צי די אָדער אַנדערע האַנדלונג איז אין הסכם מיט מיינע געפילן פון 'גוטס' און 'שלעכטס'. זי קען אָבער מיר נישט געבן דעם געפיל אַליין, און זי קען נישט באַרעכטיגן זיין עקזיסטענץ. איך פון מיין זייט וואָלט קיינמאָל נישט אַנגעטרויט מיין קאַסע אַ מענטש וואָס וואָלט מיר געזאָגט, אַז ער קען באַגרינדן זיין מאָראַליטעט מיט טעאָרעטישן וויסן, ווי למשל מיט קאַוטסקיס 'עטיק'. איך וואָלט מורא געהאַט, אַז ער קען אַרויסדרינגען אַ וויסנשאַפטליכן תירוץ צו ניצן מיין קאַסע פאַר זיך. איך וואָלט אָבער אויף קיין פאַל זיך נישט אָפּגעשטעלט פון אַרויסווייזן מיין צוטרוי און אמונה אין

מיין גרויסן פריינט קאוטסקיס פערזענליכקייט, ווייל איך ווייס בעסער פון אים אליין ווי קרעפטיג עס זענען אין אים יענע מאראלישע אינסטינקטן, וואס קיין שום מאטעריאליסטישע אויפפאסונג פון דער געשיכטע איז נישט אומשטאנד צו באשאפן אדער אפילו צו דערקלערן." [7] מען קען וויסנשאפטליך נאר באגרינדן, באשרייבן וועגן די פארם-ענדערונגען, וועגן דער מאראלישער נאטור פון מענטשן. "מען קען אבער נישט משיג זיין אדער וויסנשאפטליך באגרינדן און אונטערררייסן זיין וועזנהאפטע נאטור"... דער מאראלישער אינעווייניגסטער רוף, וואס לאזט נישט דעם ארבעטער אינדיווידועל ראבירן און מארדן זיין קלאסן-שונא, איז נישט בלויז, ווי די מארקסיסטן ווילן דערקלערן, "ריכטיג פארשטאנענע קלאסן-אינטערעסן". זיי זענען די זעלבע, וואס דער "קאמוניסטישער מאניפעסט" רופט מיטן נאמען "בורזשואזע פאראורטיילן". נאך מער, די דאזיגע "פאראורטיילן" זענען עס יענער כח וואס ברענגט די ארבעטער צום קלאסן-קאמף. ווען ס'וואלט נישט געווען יענער מאראלישער סענטימענט, א דאנק וועלכן דער יחיד איז פעאיג צו נעמען אויף זיך סאציאלע רעאגיראציעס, וואלטן מיר געהאט צו טון בלויז מיט פריוואטער גנבה-גזילה, מיט פריוואטער נקמה און פריוואטן מארד, אבער נישט מיט סאציאליזירטן קלאסן-קאמף. דער פונדאמענט פונעם קלאסן-קאמף איז א שותפות'דיגער געפיל, אז "מיר זענען גערעכט". סאציאליזם (אין דעם זין) איז נישט קיין קלאסן-מאראל. ער איז די אפליקירונג פון דער הערשנדיגער מאראל אין נאמען פון אן אלגעמיינער מאראל, אדער, ווען מיר זאלן נישט מורא האבן פאר ווערטער, א קעגנערשאפט צו קאפיטאליזם אין נאמען פון רעליגיעזע פרינציפן. [7]

די גרעסטע פארשער אין דער פילאזאפיע האבן זיך נישט געקענט באפרייען פון מעטאפיזישע, איראציאנאלע, טראנסצענדענטאלע פעסטשטעלונגען, ווי די אידעען-וועלט פון פלאטאן; פארם פון אריסטאטעלעס; לאגאס פון די סטאאיקער; דער "איך" פון דעקארט; גאט-נאטור פון שפינאזא; מאנאדן פון לייבניץ; "אבסאלוטע אידעע" פון העגעל; "דינג אן זיך" פון קאנט. די אלע זענען באוויזן פאר די רעליגיעזע איראציאנאלע באדערפענישן, פאר אן איבערנאטורליכער איינהייט. זיי זענען אבער פאלש אין זייער באשרייבונג וועגן דעם ג-ט באגריף. דערפאר זענען די אלע אויבן דערמאנטע גרונט-זאצן פון די פארשידענע פילאזאפן פאלשע אקסיאמען. דער ריכטיגסט באשריבענער ג-ט באגריף איז, לויט דער אידישער רעליגיעזער אויפפאסונג, ווי מיר האבן שוין דערמאנט, דער אין-סוף.

לענין האט געזאגט: דער קאמף מיטן פילאזאפישן אידעאליזם מוז געפירט ווערן בעיקר דערפאר, ווייל ער באזירט שטענדיג אויפן באגריף פון עפעס א העכערער, איבערנאטורליכער איינהייט. דאס הייסט, לויט אים דארף אלעס, צוגלייך אין דער גאנצער נאטור ווי אויך אינעם מענטשליכן לעבן, צילן צו עפעס אין-סוף'דיגע צילן, וואס פירן צו שטענדיגער פארפולקאמונג. אנדערוואו האט ער זיי אנגערופן "פארמאסקירטע רעליגיעזיטעט", "באהאלטענע טעאלאגיע". ער האט זיי געהאלטן פאר א

"פאַרמאַסקירטע פאַרשטעלונג וועגן ג-ט", "אפילו ווען מען זאָל זי אַפּוואַשן מיט וועלכע ס'איז נאָר מעגליכע וואַסערן פון דענקען".

אויך מיר האַלטן, אַז די אַלע אידעאַליסטיש-מעטאַפיזיש-פילאָזאָפישע שיטות זענען נישט מער ווי שלעכט פאַרמולירטע רעליגיע, ווייל אין תוך קומען זיי דאָך אַלע צו די זעלבע אויספירן, צו עפּעס אין-סוף'דיגע צילן.

# V

ביז איצט האָבן מיר אַנגעוויזן די פעלערן און בלויזן פון די פילאָזאָפישע יסודות פון מאַרקסיזם, פונעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, אויב מען וואַרפט אום די יסודות, צעפאַלט זיך דער גאַנצער בנין אַלס אַבסאָלוט.

דערפאַר טאָר מען נישט אַלעס ריכטן לויטן דינאַמאָ-פּרינציפּ. דעם סאָציאַליזם קען מען נישט דערקלערן אַלס אַ מעשה מוז-זאַך, אַלס אַ פועל יוצא פונעם דיאַלעקטיש-מאַטעריאַליסטישן גאַנג פון דער געשיכטע.

סאָציאַליזם איז היינט צו טאָג דער אידעאַל פאַר דער מענטשליכער אַנטוויקלונג, אַן אידעע פאַר וועלכער מיר זענען מחויב צו קעמפן. דער סאָציאַליזם, אַלס דער קאַמף פאַר אַ בעסערער און אַ שענערער אָרדענונג, "ליגט אין אַ צושטאַנד פון געפיל, אָדער נאָך מער, ער ליגט אין אַ קוואַל, אין אַ כמעט אומענדליכער פאַרשידנאַרטיגקייט פון געפיל-צושטאַנדן, וואָס שטאַמען אַלע פון קולטורעלע, עטישע און עסטעטישע אורקוואַלן" (ה. דע מאַן).

דער סאָציאַליזם האָט זיין מקור דווקא אינעם רעליגיעזן משיח-בענקעניש, אינעם בענקען נאָך דעם "באחרית הימים". זיין אורשפּרונג איז נאָך פון פאַר טויזנטער יאָרן. ער ציט זיין יניקה פונעם תמימות'דיגן גלייבן פון ווייטע דורות, פונעם הייליגן צער פון אַלע אידנס צער, נישט בלויז פאַר זייער זיין, נאָר אויך דעם צער פאַר שכינתא בגלותא.

דער סאָציאַליזם איז "אַ פועל יוצא פון עסכאַטאָלאָגישער האָפענונג, אָבער נישט קיין וויסנשאַפט.[8] ס'איז נישטאָ קיין מענטשליכע וויסנשאַפט מכח דער צוקונפט. ס'איז נאָר דאָ אַ גלויבן אין דער צוקונפט, און אָט דער גלויבן איז איינער פון די שטאַרקסטע כחות וואָס וועלן די דאָזיגע צוקונפט פאַרווירקליכן". דער וויסנשאַפטליכער "אמת" און די וויסנשאַפטליכע שיטות קומען דעם דאָזיגן גלויבן צו הילף נאָר דערמיט וואָס זיי ווייזן אים אָן די מעגליכע וועגן צו זיין פאַרווירקליכונג און פאַרוואַנדלען די אומבאַשטימטע בענקשאַפט אין אַ באַוואוסטזיניגן ווילן. דער ווילן שטאַמט פון גלויבן און ציט פון אים די יניקה דערמיט וואָס אויף אַן אַרט פון איינפאַכע געפילס-רעאַקציעס טרעטן אַרויס באַשטימטע און וואָג-רייכע פאַרשטעלונגס-סימבאָלן. די צוקונפט-בילדער פון דער נביא'ישער סאָציאַלער וויסנשאַפט זענען טאַקע נישט קיין אַנדערע זאַך ווי אַזעלכע פאַרשטעלונגס-סימבאָלן, וואָס געבן אַ ציל דעם ווילן, וואָס ווערט געבוירן פונעם היינט.

אזוי קען דער זין פונעם סאציאליזם זיך אנטפלעקן נאר פאר דעם וואס זעט אין אים א גלויבן, און וואס קוקט אויף די גאנצע וויסנשאפטליכע געביטן נאר ווי אויף א מיטל צו שאפן סימבאלן פאר אט דעם דאזיגן גלויבן (ה. דע מאן).

פונקט ווי דער מענטש קען זיך נישט רעליגיעז דערהויבן (ווי מיר האבן שוין אנגעוויזן) דורך הוילע אבסטראקטע וויכוחים, אן קיין פארבינדונג אין לעבן, אן קיין קאנקרעטיזירונג פון די אינעווייניגסטע באגערן, אן מעשים טובים, וואס קען זיך היינט צו טאג אויסדריקן נאר אין סאציאליזם, פונקט אזוי קען דער מענטש זיך נישט סאציאליסטיש דערהויבן דורך דער "פון זיך אליין חסד און קדושה שענקנדיגער מאטעריע", דורך דער "קדושה" פונעם גשמיות'דיגן דיאלעקטיש-מאטעריאליסטישן "בורא עולם", נאר דוקא, ווי מיר האבן שוין אנגעוויזן, דורך דעם רעליגיעזן גאולה-בענקעניש צו פארפולקאמונג, צו דערהויבונג, און דורך דעם קאנקרעטן קאמף פאר א בעסערער יושר'דיגער ארדענונג.

דער סאציאליזם איז א פראטעסט קעגן יעדן אומרעכט פון דער היינטיגער ארדענונג, קעגן נויט און ארימקייט, קעגן דעם געדריקטן מענטש בכלל, אומעטום ווי ער געפינט זיך, סיי דער מענטש אינעם פראלעטאריער, סייביים ארעמען קליין-הענדלער, סיי ביים אונטערדריקטן האנטווערקער, וואס וואלטן זיך געוואונטשן באפרייט צו ווערן צוגלייך מיטן פראלעטאריאט. דער קליין-הענדלער און דער האנטווערקער ליידן היינט צו טאג פון דער היינטיגער ארדענונג כמעט אזוי פיל ווי דער ארבעטער.

רעליגיע איז דער דינאמישער טרייבקראפט, וואס שטויסט דעם מענטש זיך קעגנצושטעלן יעדן אומרעכט, יעדער עקספלאטאציע, יעדער ברוטאליטעט. ווייל פונעם אידיש-רעליגיעז-עטישן שטאנדפונקט טאר מען נישט ליב האבן דאס וואס מען דארף, פונעם זעלבן שטאנדפונקט, פיינט האבן. דער רעוואלוציאנערער קידוש השם פון די הרוגי מלכות מיט רבי עקיבא בראש, איבער דער שפאנישער און ת"ח ות"ט עפאכע, און ביז דער היינטיגער צייט, וואס האבן געקענט שטארבן פאר דער הייליגער תורה, באווייזט אונז וואס די אמתע רעליגיעזיטעט קען ביישטייערן פארן סאציאליזם.

מיר זעען אויך אין דייטשלאנד, ווי א גרויסער טייל פון וויסנשאפטס-מענטשן און קונסטלער האבן זיך אונטערגעגעבן און איבערגעגעבן אן ווידערשטאנד צום היטלעריזם, און דוקא רעליגיעזע מענטשן פון דער פראטעסטאנטישער קירכע האבן געהאט דעם מוט צו שטעלן א ווידערשטאנד דער בארבאריטעט.

פונקט אזוי ווי קיין איין באוואוסטזיניגער מארקסיסט וועט זיך נישט אפזאגן פון דער ציוויליזאציע, פון דער ראציאנאליזאציע, ער וועט נישט אויסרופן זיין קאמף קעגן דער מאשין (ווי די מאשינען-צושטערער אמאל), כאטש זי איז היינט צו טאג א קללה פאר דער מענטשהייט, ווייל ער ווייסט, אז אין תוך איז זי א ברכה, מען דארף זי נאר באפרייען פון דער אכזריות'דיגער ארדענונג.

פונקט אזוי טאר מען נישט באקעמפן רעליגיע בכלל. מען דארף נאר באקעמפן דעם קלעריקאליזם, להבדיל, דאס אויסניצן איר פאר פריוואטע צוועקן (ווי די אפיציעלע ארטאדאקסיע טוט עס היינט צו טאג), וואס ווירקט צושטערעריש. אין תוך איז רעליגיע, ווי שוין געזאגט, דער דינאמישער כח אינעם קאמף פארן סאציאליזם.

דער רעליגיעז-עטישער סאציאליזם פירט היינט צו טאג דעם קאמף קעגן דער נאטוראליזירונג, אטאמיזירונג און עקאנאמיש-מאטעריאליזירונג פונעם מענטש, פונקט ווי מען האט אמאל געפירט דעם קאמף קעגן אנטראפאמארפיזם, קעגן דער פארמענטשליכונג פון ג-ט.

דער רעליגיעז-עטישער סאציאליזם קומט נישט אלס א סינטעטישע באוועגונג, וואס זאל מיט עפעס אפשוואכן דעם קאמף פארן סאציאליזם. אדרבה, מיר ברענגען דעם עטיש-רעליגיעזן פראטעסט קעגן דעם אומרעכט, קעגן דער פארנידערונג פונעם מענטש, קעגן דעם חילול השם וואס דער קאפיטאליזם טראגט מיט זיך. מיר דערקלערן פריער, אז הגם מיר זענען חולק מיטן מארקסיזם, זענען מיר גרייט מיטצואורבעטן און מיטצוקעמפן מיט אלע מארקסיסטישע באוועגונגען ווען ס'האנדלט זיך ביי עקאנאמישע קאמפן און קאנקרעטע עקאנאמישע איבערפירונגען, וואו ס'זאל נישט פארווישט ווערן, וואו מיר זאלן נישט דארפן מוותר זיין אויף אונזערע אידעאלאגישע פרינציפן.

אין א בארבארישן קאמף פון פאשיזם קעגן סאציאליזם און קעגן מארקסיזם, וואס קעמפן אין תוך פאר א גערעכטער זאך, קעגן ברידער פון ארבעט, ברידער פון נויט און קעגן געשמיטענעם מענטש-ברודער, וועלן מיר דעם קאמף נישט פארלאזן.

אין טעג פון חשבון הנפש, אין דעצידירנדיגע שעה'ן פון סאציאלן מעשה בראשית, וועלן מיר, פונקט ווי יום כיפור צו כל נדרי, זאגן: "על דעת המקום ועל דעת הקהל, בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה, אנו מתירים להתפלל עם העברינים".

---

אויף דער פראגע וואס מען שטעלט אונז: וואס וועט זיין צוקונפט, נאך דער סאציאלער איבערקערעניש, מיט דער גלייכהייט, אויב רעליגיע וועט עקזיסטירן, ווייל דעמאלט דערלאזט מען דאך ווייטער די צעטיילונג פון פארשידענע גלויביגע, וואס גיט א מעגליכקייט פאר גייסטיגע קאמפן, זאגן מיר: גייסטיגע קאמפן זענען נאר דעמאלט שלעכט און צושטערעריש, ווען זיי קומען פאר אין א ברוטאלער ארדענונג, דאן ווען זי איז און מוז זיך פארבינדן מיט די פרימיטיוו-נידריגע, אכזריות'דיגע-עקאנאמישע קאמפן. אבער אין א סאציאליסטישער געזעלשאפט, אין א יושר'דיגער ארדענונג, איז אדרבה, די פארשידנארטיגקייט פון אידעען, די דיפערענציאציעס פון געדאנקען, דוקא שעפעריש פאר דער אנטוויקלונג פון דער קולטור. ווי מיר האבן שוין דערמאנט, ברענגנדיג אינעם נאמען פון פראפעסאר שניאורסאן, קען דאס וואס איז שלעכט און צושטערעריש אין א פרימיטיוו-נידריגער ספערע דוקא ווערן שעפעריש אין א ספעריש-העכערן ניווא.

אין דער גאנצער נאטור, אינעם עולם היצירה, ווערט אלעס געשאפן דוקא דורך זיך פונאנדערשיידן און זיך אפטיילן. בלויז אינעם עולם האצילות, אויסער און איבער דער נאטור, איז דא דער אבסאלוטער אחדות (אחדות הבורא). דערפאר איז גארנישט טראגיש מיט די קולטור-דיפערענציאציעס, ווייל דער קולטור-שעפער, מענטש, לעבט דאך נישט אין קיין עולם האצילות, נאר אין אן עולם היצירה, וואו דיפערענציאציעס און פארשידנארטיגקייט זענען די שעפערישע טרייבקרעפטן. מיר גלויבן, אז אין אונזער ווייטערדיגער השתלמות, ווען מיר וועלן דערגרייכן די ימות עולם הבא עפאכע, ווען ס'וועט זיין "ומלאה כל הארץ דעה", וועלן מיר קענען דערפילן די אבסאלוטע אחדות, די התגלות הבורא.

מיר קעמפן פאר דער עקאנאמישער גלייכהייט, ווייל מיר גלויבן אין דער הייליגקייט פונעם לעבן. אלע וואס לעבן האבן א רעכט צום לעבן. ברויט צום עסן, עקאנאמישע באפרידיגונג בכלל, דארפן און מוזן באקומען אלע וואס טראגן אין זיך לעבן, סיי דער למדן, סיי דער עם הארץ, סיי דער וואס טראגט אין זיך ג-ט בענקעניש, סיי דער וואס האט עס נישט, סיי דער איד, סיי דער נישט-איד. ברויט איז אינטערנאציאנאל, פונקט ווי לופט איז אינטערנאציאנאל, ווייל "אין בודקין במזונות".

ווער, ווער אויב נישט מיר, רעליגיעז-דענקנדיגע, וואס טראגן אין זיך דעם טיפן גלויבן וועגן דעם תכלית הבריאה, וועגן דעם אז ס'איז דא א זין אין לעבן; מיר, וואס טראגן אין זיך דעם טיפן גלויבן וועגן דער הייליגקייט פונעם לעבן, פונעם מענטש אלס דער יציר הבחירה, פונעם מענטש אלס דער צלם אלהי; מיר, וואס טראגן אין זיך דעם הייליגן געפיל פון אהבת הבורא, וואס מיינט צוגלייך אהבת הבריאה, דעם הייליגן געפיל פון אהבת היוצר, וואס איז נישט דענקבאר אן אהבת היצירה, ווייל אין יעדן טיילכל פונעם וועלט-באשאף איז דאך דא ג-ט (מלא כל הארץ כבודו), דארפן מיר דאך אודאי זיין פון די ערשטע קעמפער קעגן דער היינטיגער קאפיטאליסטישער ארדענונג, קעגן דעם גרויסן אומרעכט, דער געוואלדיגער ברוטאליטעט, קעגן דעם גרויסן חילול השם פון דער היינטיגער צייט. דערפאר איז דער קאמף א מיסיאנערישער קאמף פאר דער אבסאלוטער עקאנאמישער גלייכהייט, פאר דער סאציאל-יושר'דיגער ארדענונג, פארן סאציאליזם, דער גרויסער קידוש השם פון דער היינטיגער צייט.

1. אונטערן ווארט רעלאטיוו-אבסאלוטן פארשטייען מיר אזא דערקענטעניש, וועלכע מיר דערקלערן אלס אבסאלוט אומאפהענגיג, באדינגונגסלאז און זעלבסטשטענדיג, בלויז אין דער באציאונג צו א באשטימטן דענק-אופן אדער צוליב עפעס עקספערימענטאל-פראקטישן נוץ. אין געגנטייל צום פאזיטיוו-אבסאלוטן, וועלכן מיר נעמען אן "א פריארי", אז ער איז זעלבסטשטענדיג, אומאפהענגיג, פון יעדער באציאונג. יעדע דערקענטעניש שטייט אין באציאונג צו אנדערע דערקענבארקייט און קען העכסטנס דערגרייכן צו די גרענעצן פונעם נישט-דערקענבארן, אבער נישט צום אבסאלוטן, וועלכעס, אין דער באצייכענונג "רעלאציע", מיינט דאס פאזיטיוו-אבסאלוטע. און דערפאר קען אבסאלוט זיין נאר גאט. דאס איז די מציאות וועלכע איז מחייב. ↩

2. ווי עס ווייזט טאקע אן דאקטאר ש. בערנפעלד ("דעת אל", ספר שני, פרק ג', "רבינו בחיי הדיין"). ↩

3. פונקט אזוי, למשל, אויב מיר גיסן אריין אין מעהל צען ליטער וואסער, באקומט עס אן A פארם. גיסן מיר אריין אין זעלבן מעהל צוואנציג ליטער וואסער, באקומט עס שוין א B פארם. אזוי אויך ביי דער זעלבער קוואליטעט, ווען עס ענדערט בלויז די קוואנטיטעט, באקומען מיר גאר אן אנדערן פארם. ↩

4. זע "על פרשת הדרכים", מאמר "תורה שבלב", אחד-העם. ↩

5. ס. א. ס. זענען ראשי תיבות פון ענגליש, וואס באדייט "ראטעוועט אונזערע נשמות". ↩

6. אונטערגעשטראכן דורך מיר. ↩

7. אונטערגעשטראכן דורך מיר. ↩↩

8. עסכאטאלאגיע הייסט גאולה-בענקעניש. ↩